זיבעצעהנטער יאהרגאנג
№ 12
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". · פרייז 20 גראשען.
טשענסטאכאווער צייטונג
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.
Piątek 25 marca 1938 | 5.52 ליכט-צינדען | פרייטאג פ׳ שמיני כ״ב אדר ב׳ תרצ״ח

Bibljot. Jagiellonska
Kraków
św. Anny 19

נ״ע **חיה שטייניץ** געוו.

פון דערהיים קאזשושניק
אשת ר׳ יחיאל הכהן ז״ל
הויז = בעזיצערין

איז געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר.

די לויה איז פארגעקומען זונטאג, דעם 20 מערץ 1938 (י״ז אדר ב׳ תרצ״ח).

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערער נפטרת

די אין טיפען טרויער פערבליבענע **זיהן, טעכטער, שנירן, איידעמס, אייניקלעך, אור=אייניקלעך און פאמיליע** אין אבוועזענהייט פון זוהן און טאכטער.

אונזער לאנגיעהריגען גבאי ה׳ **יצחק שטייניץ**
צוליעב׳ן טויט פון זיין ליבע מוטער
חיה נ״ע
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
די מתפללים פון מנין „אגודת אחים"
אלעע 9.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזערע קרובים, דער **פאמיליע שטייניץ** צוליעב׳ן טויט פון זייער ליבע אונפערגעסליכע מוטער
חיה נ״ע
און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
לייב לעדערמאן, פרוי און פאמיליע
שוועגערין: שפרה פוקס.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאמיליע שטייניץ** צוליעב׳ן טויט פון זייער הייסגעליבטע מוטער
חיה נ״ע
און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
יהושיע ווארשאווסקי און **פרוי**

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזערע קרובים **פאמיליע שטייניץ**
צוליעב׳ן טויט פון זייער מוטער
חיה נ״ע
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאמיליע פירשטענבערג

דער **פאמיליע שטייניץ** צוליעב׳ן טויט פון זייער ליבע מוטער
חיה נ״ע
אונזער טיפסטען מיטגעפיהל ולא יוסיפו לדאבה עוד.
פירמא גאלדמינץ און ווייגמאן.

דעם טיפסטען מיטגאפיהל דריקען מיר אויס אונזערע חשוב׳ע פריינד **יצחק שטייניץ** און **פאמיליע** צוליב׳ן גרויסען פערלוסט פון זייער ליבע מוטער
חיה נ״ע
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ב. באטשאן און **פרוי**

Pani **GUCI HERSZLIKOWICZOWEJ**
z powodu śmierci Matki Jej
b. p. CHAJI SZTAJNICOWEJ
wyraża szczere współczucie
PATRONAT ODDZ. IV
Gimn. T-wa Żyd. Szk. Śr.

אונזערע פריינד **ראבערט און העלא שטייניץ**
צוליעב׳ן טויט פון זייער מוטער
חיה נ״ע
אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
שרה און **מרדכי קויפמאן**

אונזערע הויזווירטען, דער **פאמיליע שטייניץ** צוליעב׳ן טויט פון זייער מוטער
חיה נ״ע
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
די לאקאטארען: **רייכער, שטאל, שטשערבאלא, ארענבאך, בירנבוים** און **זאמעל.**

צוליעב׳ן טויט פון מיין ווירטין
חיה שטייניץ נ״ע
דריק איך אויס דער פערבליבענער טרויענדער פאמיליע מיין טיפסטען מיטגעפיהל.
מיכאל רוזשעוויטש.

אכטונג פאבריקאנטען און בעלי=בתים!
איך מאך בעקאנט, אז
אלט גלא= שענעם קאלך
פון בעסטען קוואליטעט בעקומט מען ביי
העניך בוימאן, נארושעטשנא 38.
קומט און איבערצייגט אייך.

איבערצוגעבען
א פאבריקל מיט איינציגע גאנגבארע ארטיקלען פרנסה געזיכערט. ערקינדיגען אין רעדאקציע פאר 5.

אין דער ווערקשטעל פון דאמען שניידער
מ. סטאווסקי, אלעע 12
ווערט געזוכט א לערן - יונגעל
פון אנשטענדיגע עלטערן.

ס׳איז נויטיג **א יונגעל** צו א שטעפער באלד געצאהלט
זיך ווענדען צו **יצחק לאנדאו אלעע 21.**

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21
אכטונג: יעדען שבת פראקטישע=רעקציע פאר יודישער געזעלשאפט.
אנהויב 7 אווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערבילליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

עפענטליכע פעסטשטעלונג.
איך שטעל פעסט, דאס די עפענטליכע ערקלערונג פון מיין פעטער **י. י. בראנדעס** אז איך זאל כלומרשט ערלעדיגען פערזיכערונגס-פאליסען אין זיין נאמען און פערשפרייטען וועגען איהם פאלשע קלאנגען, שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט.
דאגעגען איז אמת, דאס צוליב׳ן פאקט, וואס ער האט איבערגעשריבען די אגענטור אויפ׳ן נאמען פון מיין געוו. מיטארבייטערין פרל. שפרה בראנדעס האב איך אייגעזועהען פאר צוועקמעסיגער לטובת דער ג׳ קליענטעלע צו ארבייטען זעלבסטשטענדיג און אונטער מיין אייגענעם נאמען, און איך ערלעדיג אלע סארטען אסעקוראציעס, אזוי ווי ביז-איצט סאליד און עהרליך.
אסעקוראציע-אגענט ב. סלאמניצקי
טשענסטאכאוו, גארנצארסקא 23.

פייערלעשערזאל פאלקס=טעאטער און טעאטער פאר יוגענד
לייטער: **קלארא סעגאלאוויטש.**
צוליעב׳ן גרויסען ערפאלג פערבלייבט די טרופע נאר נאך 2 טעג: היינט, פרייטאג 9 אווענד און מארגעז, שבת 3-30 נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען און 9 אווענד
מיט איהר פאנטאסטישען ספעקטאקל
כישוף = מאכערין
קאמעדיע אין 3 אקטען, 14 בילדער, בעארבייט דורך י. מאנגער לויט א. גאלדפאדען.
אנסאמבל: וו. אמזעל, ל. אמזעל, מ. באזשיק, ס. בראנעצקי, מ. פעטערמאן, פ. גארבאזש, מ. גארבאזש, דינה האלפערן, י. אינוועטאזש, ר. ליבראווסקא, פ. לוריע, ס. פאזנאנסקא, פ. רובין, פ. שיזאק, קלארא סעגאלאוויטש, מ. שווייליך, ר. טארו.
בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה׳ באטשאן, פרייטאג פון 7 אוונד און שבת פון 11 פריה אין קאסע
בעמערקונג: די שבת׳דיגע פארלעזונג פון לעא פינקעלשטיין איז אבגערופען געווארען.

א גרויסער אויסוואהל פון
הערען=קאפעלושען
פון די מאדערנסטע פארבען און פאסאנער
פון די בעסט= בעקאנטע פאבריקען
HÜCKEL און **DANIELCZYK**
ביי **S. KRAUSKOPF, I ALEJA 12**

מיין ג׳ שעף ה׳ **ב. וו. מייראנץ** און ר׳ **שמשון זילבערשטיין** צו די תנאים-פייערונג פון זייערע קינדער פרל. **פריידע מייראנץ** מיט ה׳ **ישראל זילבערשטיין** ווינשען מזל-טוב און פיעל נחת און פריד.
ווייצלון. **אברהם יצחק פאסאלסקי, פרוי און קינדער**

דאנקזאגונג.
דערמיט האבען מיר דעם כבוד צו דאנקען אלע אונזערע פריינד און חברים פאר די אויסגעדריקטע גליקוואונשען צו דער חתונה פון אונזערע קינדער **רעגינא** און **מארעק קאליסקי**
חיים גוטמאן און פרוי, וויעלון

נ״ע **מאיר** ב״ר **יהודה לייב בוים**
איז געשטארבען אין עלטער פון 101 יאהר.
די לויה איז פארגעקומען זונטאג, ד. 20 מערץ ד. י. (י״ז אדר ב׳ תרצ״ח).
די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד דריקען אויס זייער אינניגסטען דאנק, די אין טרויער פערבליבענע
קינדער און פאמיליע.

א גרויסער יודישער יום-טוב.

קומענדען זונטאג ווערט געפייערט דער חנוכת הבית פון דער נייער געביידע פאר'ן יודישען גרעזעלשאפטליכען גימנאזיום.

דער דאזיגער טאג דארף פארצייכענט ווער'ן אלס גרויסער יום טוב פון יודישען טשענסטאכאוו.

אין א צייט, ווען ארום און ארום אונזער לעבען הערשט א חושך, ווען פון אלע זייטען וויל מען אונז אונטערדריקען, מען האלט אין איין העצען, אז מיר זענען א מינדערוועטיגע ראסע, וועלכע האט נישט קיין זין פאר קולטור און בילדונג; אין א צייט, ווען די פאזפעריזאציע ביי די יודישע מאסען ווערט פון טאג-צו-טאג אלס א פאקט פון אונזער לעבען — אט אין דער צייט האבען זיך געפונען מענשען דרייסטע און מוטיגע, וועלכע האבען געזאגט: דוקא אין אזא צייט, ווען דאס פוילישע יודענטום לעבט איבער די שווערסטע מאמענטען וועלען מיר אויפשטעלען א בילדונגס הויז! איהר שלאגט אונזערע קינדער אין די אוניווערזיטעטען, איהר ווילט אונז ארייינשטיפען אין געטא און עלימינירען פון וויסענשאפטליכען לעבען — ענטפערען מיר מיט א פרעכטיגען בנין פאר וויסענשאפט און בילדונג.

אט דער דאזיגער בנין, וועלכער איז אויסגעפערטיגט געווארען לויט די לעצטע כללים פון טעכניק און היגיענע, וואס ווערט בעוואונדערט פון אלעמען, איז דער בעסטער עדות, אז דאס יודישע פאלק וועט זיך נישט לאזען בעצווינגען פון זיינע שונאים.

תן לי יבנה וחכמיה, האט אויסגעשריגען ר' יוחנן בן זכאי, ווען ירושלים איז חרוב געווארען. אונזער פאליטישע פרייהייט האט מען אונז צוגענומען, אבער ווען מיר וועלען זיך קלאמערען אין דער תורה, אין דער בילדונג, וועט אונז קיין שום מאכט אין דער וועלט נישט קאנען אומברענגען.

אויך איצט, ווען מיר ווערען עקאנאמיש אונטערדריקט, ווען מען בערויבט אונז פון אונזערע בירגער-רעכט, האבען די טשענסטאכאווער יודען געגעבען א ווירדיגען ענטפער מיט'ן אויפשטעלען א פעסטונג פאר בילדונג און וויסענשאפט.

אט אין דער דאזיגער קוזשניע וועלען אויסגעשמידט ווערען נייע יונגע יודען, וועלכע וועלען זיך אויסלערנען פערשטעהן, אז מען פייניגט אונז נישט דערפאר, ווייל מיר זענען מינדערווערטיג, נאר טאקי דערפאר ווייל מיר גלויבען אין דער גערעכטיגקייט פון לעבען און מענשען, ווייל מיר האלטען די וויסענשאפט פאר דער גרעסטער מתנה, וואס איז געגעבען געווארען דער מענשהייט, כדי זי אויסצונוצען צום גינסטען פאר דער וועלט און נישט צום פערדארבען.

מיר ווערען געפייניגט און גע'רודפ'ט, מיר ווערען געיאגט און געפלאגט און אלס ענטפער, בויען מיר ווייטער אונזערע טעמפלען פון וויסענשאפט און בילדוגג.

א גרויסער וויכטיגער אויפטהו, א הייליגע שליחות האט דאס יודישע טשענסטאכאוו ערפולט און דעריבער ווערט טאקי דער חנוכת-הבית פון נייעם בנין פאר'ן יודישען גימנאזיום פערוואנדעלט אין א גרויסען יודישען יום טוב.

ש. פראנק

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— די ערשטע פאזע פון גען. פראנקא'ס געוואלדיגער אפענזיווע אויפ'ן אראגאנישען פראנט האט זיך געענדיגט מיט'ן פערנעהמען די שטעדט קאספע און אלקאדיר, וועלכע האבען א גרויסע סטראטעגישע בעדייטונג. דער שפאנישער פרעזידענט אזאנא מיט איינינע מיניסטארען האבען געוויילט אין פאריז און בעמיהט זיך וועגען הילף ביי דער פראנצויזישער רעגירונג. די בעמיהונגען זענען ווי עס שיינט געבליבען ערפאלגלאז.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן בלוטיגען אינצידענט אויף דער פויליש ליטוישער גרעניץ האט די פוילישע רעגירונג איבערגעגעבען דער ליטווישער רעגירונג אנ'אולטימאטום, וועלכער האט געפארדערט אהן דיסקוסיעס אנגענומען ווערען אין פערלויף פון 48 שעה. אין אולטימאטום האט זיך געפאדערט דאס זאפארטיגע נארמאליזירען די פויליש-ליטווישע בעציהונגען. די ליטווישע רעגירונג האט אנגענומען דעם פוילישען אולטימאטום אהן שום בעווארעניש.

— נאך דער פרידליכער דערלעדיגונג פון פויליש ליטווישען סכסוך איז צו ערווארטען דאס אנקניפען דיפלאמאטישע בעציהונגען צווישען די ביידע לענדער ביז דעם 31 מערץ ד. י. גלייכצייטיג וועט אייגעשטעלט ווערען א נארמאלע קאמוניקאציע, פאסט-פערקעהר א. ד. ג.

— אין פויזנער קרייז געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס פון וואוזשיניעץ נאוואק, דעם מערדער פון גלח שטרייך אין שטעדטעל לובאן. נאוואק איז פער'משפט געווארען צום טויט דורך הענגען.

— די אדמיניסטראטיווע סיים קאמיסיע האט מיט א מעהרהייט שטימען אנגענומען דעם פארשלאג פון אנטיסעמיטישען דעפוטאט דורזשינסקי, וועלכער פאדערט גענצליך אבצושאפען די יודישע שחיטה. געגען דעם פארשלאג האבען זיך ארויסגעזאגט די רעגירונגס פארשטעהער, אנווייזענדיג, אז דער פראיעקט וועט ברענגען א גרויסען שאדען דער ווירטשאפט און איז אויך נישט דערלאזבאר פון רעליגיעזען שטאנדפונקט.

— די נייע אויפקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגען דער עליה-פראגע בעווייזט, אז דער פרינציפ פון פאליטישען מאקסימום איז אבגעשאפט געווארען ביים בעשטימען דעם נייעם שעדיול אויף 6 חדשים. די צאהל-בעגרענעצונגען זענען נור פערבליבען פאר קאפיטאליסטען און ארבייטער-עולים, דאגעגען זענען אינגאנצען אבגעשאפט געווארען די בעגרעניצונגען פאר פרויען און קינדער סיי פון די פרישע עולים סיי פון די אייגוואוינער פון א"י. דעסגלייכען קאנען אויף די ארבייטער און קאפיטאליסטען סערטיפיקאטען מיטפאהרען פרויען און קינדער אהן בעגרעניצונג.

— די טשעכאסלאוואקישע רעגירונג האט בעקומען א נייע פערזיכערונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג, ווי אויך פון די סאוויעטען, אז די דאזיגע רעגירונגען וועלען תיכף קומען מיט מיליטערישער הילף אויב אין טשעכאסלאוואקיען וועט קומען צו אנ'אויפשטאנד אדער זי וועט זיין אנ'אביעקט פון א אויסערליכע אגרעסיע.

— דער ענגלישער פרעמיער טשעמבערליין האט ערקלערט אין פארלאמענט, ענטפערענדיג אויף אנ'אנפראגע פון א דעפוטאט, אז ענגלאנד וועט אויך ווייטער זיך נישט ארייינמישען אין דער שפאנישער פראגע.

— דער טשעכישער מיניסטארען-ראט האט בעשלאסען, אז ביים אנגעהמען אנגעשטעלטע אויף מלוכה פאסטענס זאלען דייטשען אנגענומען ווערען אין פערהעלטניס פון 22 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל אנגעשטעלטע.

— די ליטווישע רעגירונג האט זיך אנגעגעבען אין דימיסיע. עס האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז דער ליטווישער פרעזידענט סמעטאנא זאל רעזיגנירען פון זיין אמט.

— אין לאדז האט זיך אנגעהויבען דער צווייטער אינטערנאציאנאלער שאך-טורניר, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך אנגעזעהענע שאכיסטען פון פערשידענע לענדער. פוילען איז רעפרעזענטירט פון 7 אנטיילנעהמער פון וועלכע 6 זענען יודען. פרעזעס פון ארגאניזיר-קאמיטעט איז קאנסול מאקס קאהן. דער טורניר קומט פאר אונטער'ן פראטעקטאראט פון אויסערן מיניסטער בעק.

— א באנדע פון 50 אראבישע טעראריסטען איז בעפאלען דעם חלוצים לאגער נעבען ראס על נאקורא. עס איז געקומען צו א שווערען קאמף צווישען די חלוצים אין די טעראריסטען. דער חלוץ יהודה ברענער איז דער'הרג'עט געווארען און א צווייטער חלוץ איז לייכט פערוואונדעט געווארען. די אראבער זענען פערטריבען געווארען לײדענדיג שווערע פערלוסטען.

— די רדיפות אויף יודען אין ווין האבען אנגענומען א געוואלדיגען כאראקטער. טויזענדער יודישע בעאמטע זענען שוין בעפרייט געווארען פון זייערע אמטען, יודיש פערמעגען איז געפלינדערט אדער רעקוויזירט געווארען, אלע אנגעזעהענע פערזענליכקייטען פון דעם עסטרייכישען יודענטום זענען ארעסטירט געווארען, צווישען זיי די מיטגלידער פון דער וויענער קהלה. יעדען טאג איז צו פערצייכענען פרישע זעלבסטמארדען פון די פערצווייפעלטע ווינער יודען. דער לאקאל פון דער קהלה איז פער'חתמ'עט געווארען.

— צוליב דעם וואס אויף דער וואוועלבערג היכשול איז ווידער געקומען צו אנטי יודישע ארויסטרעטונגען מצד די גארא-סטודענטען, זענען די לימודים אויף דער דאזיגער היכשול איבערגעריסען געווארען אויף אנ'אונבעשטימטע צייט.

ELEGANCKI PAN
dba o dobry krój ubrania

Pierwszorzędny Paryski
Zakład Krawiecki
„TRÉS-CHIC"
M. ROZENBLUM
N. Marii Panny 33. Tel. 11-87
poleca na sezon wiosenno-letni swoją pierwszorzędną robotę oraz materiały krajowe i angielskie najnowszych deseni. Modele najnowszych domów paryskich i angielskich.

די הצלחה ריטנט ווי צו...

קליינער פעליעטאן

זיי זענען אין א הייבעל געבוירען געווארען, אונזערע היימישע ענדעקעס, זייער הצלחה איז אזוי גרויס, ווי די גאנצע וועלט און אפשר נאך גרעסער, ווייל וואו זיי קעהרען און ווענדען זיך, האבען זיי מאטעריאל פאר זייער ווילדער העצע, שפייז פאר זייער פארטיי-דעמאגאגיע.

קודם כל איז זייער מזל גרויס, וואס אין פוילען זענען פערהאנען אהן עין הרע קנאפע פיערטהאלבען מיליאן יודען, כן ירבו. דאס איז א מאסע, ביי וועלכער ס'איז דא עפיס צו טהון, וואו מען קאן פונאנדערשפרייטען די שווארצע הענד און שארען פולע הויפענס רויב פאר זייערע פינסטערע מעשים.

וואלטען קיין יודען אינגאנצען אין פוילען נישט געווען אדער ווען ס'וואלט געווען א קליינע צאהל, זאל מען זאגען — אזוי ווי אין איטאליען אדער אין אנדערע מקומות, וואלט איבערהויפט קיין ענדעקישע פארטיי אינגאנצען נישט געווען, ווארום וואס, אימשטיינס געזאגט, פאר א פראגראם האבען זיי אויסער דער יודען פראגע, אז אלץ און אלעס ווידמען זיי נאר דעם ביסעל יודען. איז דערפאר טאקי זייער הצלחה גרויס, וואס פוילען איז געבענשט מיט א גרויסען קבוץ יודען און די שווארצע ענדעקישע העלדען האבען וואס צו טהון.

אייגענטליך האט מען דאך מיט אנ'ערך טויזענד יאהר צוריק פערבעטען יודען, אז זיי זאלען קומען זיך בעזעצען אין פוילען, מען האט זיי געגעבען אלע פריווילעגיעס, צוגעזאגט הרים וגבעות, אבי זיי זאלען נאר בעוויליגען זיך דא צו בעזעצען, און ווי עס געהט ארום א פאלקס-ווערטיל, האבען טאקי די ערשטע יודען אונזער מדינה א נאמען געגעבען „פה לין". די דאזיגע יודען פון פראנקען לאנד, פון פערסיען, גריכענלאנד א. ז. וו. האבען טאקי ענטוויקעלט דעם מסחר און אינדוסטריע, וועלכע זענען אין פוילען אינגאנצען נישט געווען בנמצא.

זענען געקומען די ענדעקעס און אויפגעהויבען א כענה, באשר יודען פערנעמען זיך נישט מיט קיין פראדוקטיווער ארבייט, זיי זענען שאכער מאכער און דעריבער דארף מען זיי פיינט האבען. האט זיך אבער די לעצטע צייט געמאכט א קאניונקטור, אז האנדעל איז נישט קיין בזיון, נאר פערקעהרט, דורך האנדעל ווערט גאר א מלוכה. גליקליך, האט מען ווידער אנגעהויבען א העצע, אז יודען האבען פערכאפט דעם האנדעל, דארף מען איהם ארויסרייסען פון זייערע הענד, און מען רייסט טאקע. און אויב רייסען, רייסט מען אהן רחמנות, מיט שרעקליכע שמערצען, אזוי אז דער חולה קריכט אויף די גלייכע ווענד.

די ענדעקעס זענען נאר נישט צופרידען, וואס צו זייער ווילדער העצע געגען יודען האבען זיי צובעקומען שותפים; זיי, די ענדעקעס האבען פיינט שותפים, איבערהויפט אין דער יודען-פראגע. זיי האבען ליעב, אז אזא טייווולאנישע ארבייט זאל געהערען אויסשליסליך צו זייער מאנאפאל, נאר לאין ברירה מאכען זיי א גוטען שמייכעל צום בייזען שפיעל.

און א הצלחה האבען זיי, די ענדעקעס, אז זייער העסליך שטיקעל ארבייט געגען יודישען קבוץ אין פוילען פערלירט נישט זיין אקטואליטעט, נאר פערקעהרט, פון טאג צו טאג מאכט זיך אלץ נייע געלעגענהייטען, וואו מען זאל קאנען פריש העצען און שולדיג מאכען די יודען אין אלע צרות.

די ערשטע העצע, וואס דער שרייבער פון די שורות געדענקט, איז פארגעקומען אין 1902 אין אונזער שטאדט. א קריסטליכע פרוי האט געקויפט פלוימען ביי א יוד, איז עפיס ארויסגעקומען א סכסוך צווישען דער קויפערין און פערקויפער, האבען די ענדעקעס אנגעהויבען העצען געגען יודען און ס'זענען אויסגעבראכען געשעהענישען. דאן אין 1912, ווען די ווארשאווער יודען האבען געשיקט אין רוסישען פארלאמענט אנשטאט דמאווסקי'ן דעם ראדיקאל יאגעלא, האט זיך ווידער אנגעהויבען א וויסטע העצע מיט א באיקאט-אגיטאציע א. ז. וו.

צו וואס אבער דארף מען אויפזוכען אלטע פערגאנגענע מעשים, זאל מען בעסער נעמען אלס פאקטען די פאסירונגען פון די לעצטע טעג.

א קריסט האט דערשאסען א גלח, ווער דער קריסט איז און פארוואס ער האט דאס געטהון, ווער ווייסט, און איבריגענס ווער דארף דאס וויסען. פאר די ענדעקעס איז דאס אבער גענוג, אז מען זאל העצען געגען יודען, און באלד ווערט געשאפען א קאנצעפציע, אז דער מערדער איז א קאמוניסט און היות ווי עס איז „פעסטגעשטעלט" געווארען לויט דער ענדעקישער טעאריע, אז מיט'ן וועלט-קאמוניזם פיהרען אן יודען והראיה סטאלין אין מאסקווע און... משה ברוך אין טשענסטאכאוו, איז במילא דאס א יודיש שטיקעל ארבייט, דעריבער מוז מען שלאגען יודען און דאס נישט בלויז אין דער שטאדט, וואו דער מארד איז געשעהן, נור בכל תפוצות פוילען.

היטלער איז „פערבעטען" געווארען קיין וויען — א היסטאריש וועלט-געשעהעניש, די ענדעקעס ווייסען נישט, צי זאלען זיי זיך פרעהען מיט'ן נצחון פון זייער גייסטיגען טאטען אדער זיין טרויעריג וואס דייטשלאנד אלס שכן פון פוילען ווערט שטארקער. און אזוי נישט וויסענדיג, צי מען דארף טהון א שמייכעל אדער גאר זיך פערקרימען, הייסט מען דערוויייל שלאגען יודען.

עס איז אויסגעבראכען דער אינצידענט פוילען—ליטא. דאכט זיך, אז דאס איז שוין נוגע אלע בירגער פון פוילען, צווישען זיי אויך יודען, וועלע פערגיסען און האבען פערגאסען זייער בלוט פאר דער אונאבהענגיגקייט פון פוילען פונקט אזוי גוט ווי די ענדעקעס און אויך ביים ענין ליטא וואלטען יודען, אויפ'ן רוף פון דער מלוכה, געווען אין נויטיגען פאל אויף די פאדער ליניעס פון שלאכט פעלד. די ענדעקעס אבער האבען אויך אין דער דאזיגער היסטארישער שעה געפינען א שעת הכושר צו העצען געגען יודען און אייינצואורדנען א מלחמה פראגע אויף יודישע קעפ. אויך אויף די טראנספארענטען, וואס די מאניפעסטאנטען האבען געטראגען אין ווארשא בעת'ן ענין ליטא, זענען אויך געווען אויפשריפטען געגען יודען.

האט מען זיך געריכט, אז עס וועט אויסברעכען א מלחמה מיט ליטא, דארף מען יודען שלאגען; האט זיך אבער דער קאנפליקט מיט ליטא געענדיגט בכי טוב און נאך מיט א נצחון פאר פוילען, דארף מען דאך אוודאי שלאגען יודען.

און נאך א חטא אין ענין-ליטא: צווישען די טויזענדער בירגער פון דער שטאדט ווארשא, וועלכע האבען זיך געשטעלט אין דער רייהע אין פ. ק. א. אנצונעמען זייער פערהארעוועטע אנגעזאמעלט געלד, האבען זיך אויך געפונען יודען; יודען, וועלכע האבען מסתמא נישט קיין גרויסע מאיאנטקעס און דערצו אזעלכע מסתמא, וועלכע האבען שוין אדורכגעלעבט די צייטען פון דער וועלט-מלחמה מיט די מאביליזאציע דעקרעטען, מיט די ענדערונגען פון די וואלוטעס א. ז. וו. האבען זיי גבהלש'ט, מורא געהאט, אז זייער געלד, די אבגעשפארטע פאר גראשענס זאלען חס ושלום נישט פערלוירען געהן. אוודאי איז עס געווען א שטות פון די דאזיגע אבשפארער צו לויפען נאכ'ן געלד צוליב'ן קאנפליקט מיט ליטא. פאר א העצע פון די ענדעקעס געגען יודען, איז עס אבער א גוטע געלעגענהייט און ווי מען דערצעהלט האבען די דאזיגע אבשפארער און נישט נאר בלויז די, וועלכע זענען געשטאנען פאר די בענק, נאר אויך אנדערע, סתם ווארשאווער יודען, פאר דעם חטא בעצאהלט מיט רסוק איברים.

איבערהויפט האבען די ענדעקעס בעשלאסען צו מאכען לעצטענס וואס א פאר וואכען די אזוי גערופענע אנטי-קאמוניסטישע מיטינגען, וואס זייער ציעל איז נישט געווענדעט, הויפטזעכליך געגען קאמוניסטישען איינפלוס, נאר דירעקט געגען יודען, וועלכע זענען ווי ס'איז איבריגענס פעסטגעשטעלט געווארען אלע קאמוניסטען.

וועגען די גזירות, וואס שיטען זיך לעצטענס געגען יודען, איז דאך שוין אבגערעדט. נעמט מען אוועק די טאבאק קאנצעסיעס ביי יודען, העצט מען אויף זיי; קומט מען צו געהן און מען וויל אסר'ן די שחיטה, העצט מען ווידער און אזוי כסדר און כסדר.

מיר האבען געזאגט, אז די ענדעקעס האבען הצלחה, וואס זיי מאכט זיך געלעגענהייטען, כדי צו קענען העצען געגען יודען, און אז עס איז נישטא קיין געלעגענהייט, שאפט מען זיי אליין, פאבריצירט מען געלעגענהייטען...

עס איז היינט זייער צייט, איבערהויפט לעבען מיר איבער אין א צייט, ווען די שווארצע כחות, נישט נאר פון פוילען, נאר פון דער גאנצער וועלט, האבען אויפגעהויבען די קעפ און געהן פון איין נצחון צום צווייטען און במילא גיט עס אויך מוט אונזערע היימישע שווארצע ענדעקעס צו זייעהן זייערע ווילדע שטיק.

די דעמאקראטישע וועלט שלאפט, זי האט נישט קיין מזל, נאר זיי, די פאשיסטען, האבען היינט א שווארצע גבורה, די הצלחה דיענט זיי צו...

סמאל

מאטעריעלע בעוואפנונג און מאראלישע ענטוואפנונג

פון לעא קעניג

מיט די אויבענגעשטעלטע פיער ווערטער, האט א ענגלענדער אין א בריעף אין דעם „טיימס" זעהר טרעפליך כאראקטעריזירט טשעמבערלענס „רעאליסטישע פאליטיק", אדער ווי די פראנצויזען רופען עס: דעם איציגען „טשעמבערלען עקספערימענט". טשעמבערלען און זיין מיניסטארען קאבינעט (אהן אידען) געהט איצט אן מיט דער ריזיגער מאטעריעלער בעוואפנונג פון ענגלאנד, אבער צו דער זעלבער צייט ענטוואפענט ער ענגלאנד מאראליש.

און דער שרייבער פרעגט: צי אט די פאליטיק טשעמבערלענס קען אין דער אמת'ן בעצייכענט ווערען אלס א רעאליסטישע? הייסט עס נישט אין דער אמת'ן—ווען מען ענטוואפענט זיך מאראליש — אוועקווארפען מיט איין האנד דאס וואס מען זאמעלט אן מיט דער צווייטער?

ס'איז זיכער נישט רעאליסטיש און נישט פראקטיש צו ווערען שטארק מאטעריעל און פיזיש און צו דער זעלבער צייט זיך אבשוואכען מאראליש. און דער שרייבער פון דעם דערמאנטען בריף—ראבערט בייראן-אילוסטרירט זיין געזונדען און לאגישען ארגומענט מיט דער פאזיציע פון דייטשלאנד בשעת דער לעצטער וועלט-מלחמה.

דייטשע פובליציסטען און סאציאלאגען זענען נאך עד היום שטארק חוקר ודורש, פארוואס זיי האבען פערשפילט די לעצטע וועלט-מלחמה.

סטייטש, זיי זענען דאך געווען אזוי שטארק מאטעריעל, זיי האבען דאך געהאט די ריזיגסטע ארמעע, טא פארוואס-זשע האבען זיי די מלחמה פערלוירען?

און אלע דייטשען קומען צום בעשלוס, אז פון אלע פעהלערן, וואס זייערע דיפלאמאטען און גענעראלען האבען געמאכט איז דער גרעסטער געווען: דער איבערפאל אויף בעלגיען.

דאס הייסט, נישט ווייל זיי האבען דערויף קיין רעכט נישט געהאט, נאר ווייל זיי האבען זיך דערמיט מאראליש אבגעשוואכט און געגעבען, אזוי צו זאגען, א פתחון פה דער געפעהרליכער ענגלישער אנטי-דייטשער טראפאגאנדע.

הייסט עס, אז אפילו די דייטשע מיליטערישע עקספערטען און טעארעטיקער געפינען, אז מאראלישע ענטוואפנונג קען שטערען צו געווינען א קריג, ווי שטארק מאטעריעל מען זאל נישט זיין בעוואפענט.

און דאס איז אייגענטליך נישט קיין נייעס: די קאאליציע האט געוואונען די לעצטע וועלט-מלחמה, ווייל זיי זענען מאראליש בעסער בעוואפענט געווען ווי דייטשלאנד און איהרע שותפים.

צי זיי האבען געגלויבט אויפריכטיג אין זייער אייגענער מאראלישער אמוניציע—מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיעס, די בעפרייאונג פון אונטערדריקטע פעלקער—צי נישט, אבער געווירקט און געהאלפען האבען זיי זיכער צו געווינען די מלחמה, אבער אין דעם אמת, אז אויך מאראלישע בעוואפנונג קומט שטארק צונוץ, פערגעסען איצט א סך פעלקער און רעגירונגען אין זייער פיבערישער מאטעריעלער בעוואפנונג.

אממיינסטען פערגעסען אין דעם האט דווקא דאס איצטיגע דייטשלאנד, וואס האט עס אממיינסטען און אמבעסטען געדארפט געדענקען.

היטלער האט איצט זיין דייטשלאנד בעוואפענט מאטעריעל ביז איבער די ציין, אבער דערפאר האט ער עס מאראליש כמעט אינגאנצען ענטוואפענט. פונ'ם מאראלישען שטאנדפונקט איז היטלערס דייטשלאנד אצינד כמעט פרימיטיוו-נאקעט.

אויך מוסאליני האט זיך מאראליש שטארק ענטוואפענט אין די אויגען פון דער וועלט. און זיין „מאראלישע ענטוואפנונג" האט זיך שוין אנגעהויבען פיהלען אויך אין איטאליען.

היטלערס דייטשלאנד און מוסאליני'ס איטאליען זענען אצינד פון די מאראליש ענטוואפענסטע לענדער. ס'איז אפילו אמת, אז די צוויי דיקטאטארען האבען מיט אלע זייערע כוחות בעקעמפט אלע עטישע, מאראלישע און הומאניטאר-ליבעראלע סענטימענטען און אידעאלאגיעס און אויף זייער ארט געגעבען די „נייע" פאשיסטישע מאראל פון כוח—מאכט איז רעכט; די שווערד איז דער איינציגער שופט. אבער אויך דער געוועזענער קייזער און זיינע יונקערס האבען צופיעל געגלויבט אין דער מאכט פון דער שווערד און זיך מיט איהם געשפילט.

און פריהער אדער שפעטער מוז מאראלישע ענטוואפנונג ליימען, פאראליזירען אפילו דעם מעכטיגסטען ריז...

איז איצט געקומען נעוויל טשעמבערלען און אפשר נישט מיינענדיג עס, גענומען אויך ענגלאנד מאראליש צו ענטוואפענען. און אינ'ם נאמען פון רעאליסטישער פאליטיק.

נעוויל טשעמבערלען, דער איצטיגער ענגלישער פרעמיער-מיניסטער, האלט אין איין שטארקען ענגלאנדס מאטעריעלע בעוואפנונג, אבער עס קען קיין ספק נישט זיין, אז פון זינט אידענס רעזיגנאציע האט ער ענגלאנד מאראליש שטארק אבגעשוואכט אין די אויגען פון דער וועלט, און אין די אויגען פון די אייגענע.

ענגלאנד איז איצט, אונטער טשעמבערלען, בעסער בעוואפענט מסתמא ווי זי איז געווען, לאמיר זאגען, אונטער באלדווין, אבער ענגלאנד'ס מאראלישער פרעסטיזש איז לעצטענס שטארק געמינערט געווארען.

עס קען זיין, אז ס'איז „רעאליסטיש" צו אנערקענען, אז איטאליען האט בעזיגט אביסיניען—און ס'איז דאך א פאקט, וואס מען קען נישט אבלייקענען: עס קען אויך זיין, אז טשעמבערלען וועט דערפאר עפעס ארויסקריגען פון מוסאליניען.

אבער דאך וועט ענגלאנד'ס אנערקענען פון אביסיניען זיין א גרויסער מאראלישער פערלוסט, א מינערונג פון פרעסטיזש פאר ענגלאנד, פאר דער בריטישער אימפעריע.

צי ס'איז געווען מאהבת מרדכי צי משנאת המן, אבער די קליינע פעלקער, וועלען מוזען אויפהערען קוקען אויף ענגלאנד חי אויף א שטיצענדער גרויסמאכט. זיי קעהרען זיך שוין, דאכט זיך, אב פון ענגלאנד.

און אין די אמת-רעאליסטישע אינטערעסען פון א גרויסער אימפעריע אין די מאדערנע צייטען איז איהר מינימום מאראלישען פרעסטיזש נישט צו פערלירען,

האנד צו מויל איז קיין רעאליזם נישט.

טשעמבערלען האט אוועקגעלייגט אן א זייט („זיך נישט אבגעזאגט" ווי ער זאגט) אלע הויכע פרינציפען פון קאלעקטיווער זיכערהייט און זיך גענומען דירעקט אונטערהאנדלען מיט מוסאליני'ן, היטלער'ן און אפשר אויך מיט פראנקא'ן.

וואס פון די אונטערהאנדלונגען וועט ארויסקומען וויסט קיינער נישט, אבער מאראליש אבגעשוואכט שטעהט איצט ענגלאנד פאר דער וועלט... און די שפאנעל-נייץ א'מפע־יע בויער-היטלער און מוסאליני—האבען מסתמא דערפון הנאה.

יודען און אראבער אין דער געשיכטע

די היינטיגע צייט ציהט אונזער אויפמערקזאמקייט אויף דער פראגע וועגען די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען יודען און אראבער אין די פריהערדיגע יאהרען פון דער געשיכטע. נאטירליך מיינען מיר נישט די גאר אלטע תקופות ובפרט די תקופה פון בית ראשון, ווייל אויף וויפיעל אזוינע בעציהונגען זענען געווען, זענען זיי בעוואוסט פון די מקורים פון תנ"ך. בנוגע די שפעטערדיגע צייטען פעהלען בכלל וועלכע ס'איז גענוג קלארע מקורים.

מיר וועלען דערום גלייך איבערגעהן צוערשט אויף דער תקופה צווישען חורבן בית שני און די ענטשטעהונג פון איסלאם, ד"ה פון די יאהרען 70—622 לויט דו בירגערליכע צייט-רעכענונג.

די בעציהונג צווישען יודען און אראבער אין יענער צייט זענען זעהר אייגענארטיג אין דער יודישער געשיכטע. האמאלס האבען די יודען פון ארץ ישראל און סיריען, פון מצרים און קליין-אזיע מאסענווייז געמוזט פערלאזען זייערע איינגעזעסענע היימען צוליעב די גזרות פון דער הערשענדער רוים, וועלכע האט דארט אומעטום געהאט די ממשלה. ווער ס'האט געהאט גליק און אויסגעוואנדערט קיין בבל, האט דארט געפונען א געזיכערטען און גוטען מקום מקלט. דארט האט עקזיסטירט א גוט ארגאניזירטער יודישער געמיינשאפטס-לעבען, לויט עכט-יודישער קולטור אונטער דער אנפיהרונג פון א „ריש גלותא", ביי דער הויכער שוץ פון פערסישען קעניג. ווער אבער ס'האט דאמאלס גענומען דעם וועג קיין דרום, אין דאס שכנות'דיגע אראביע, דער יעניגער האט זיך געמוזט איינלעבען אין דעם אראבישען לעבענס-סטיל, — און פונקט ווי אין דעם מאדערנעם אייראפא ארגאניזירען זיך די יודען אין פארטייען, לויט'ן מוסטער פון זייערע נישט יודישע שכנים, אזוי האבען זיך די יודען אין אראביען ארגאניזירט, לויט'ן מוסטער פון די אראבער, אין דאס וואס זיי האבען אנגערופען שטאמען, קריגערישע געמיינשאפטען, וועלכע האבען זיך אין זייערע שלעסער און פעסטונגען פערפעסטיגט און זיך צו יעדער צייט געקענט כאפען צום געוועהר.

נאך אין א פיעל שפעטערדיגער צייט, ווען אלדד הדני איז געפאהרען דורך אייראפא, דאס איז געווען אין יאהר 1050, האט ער – ווי בעוואוסט – אויסגעגעבען, אז ער געהערט צו א וואנדערענדען אין מדבר ערב יודישען שטאם מיט'ן נאמען דן. זיין דאזיגע פערזיכערונג קאן געוויס אמת זיין, ווי אויך, אז דער דאזיגער שבט איז געווען קריגעריש ארגאניזירט – כאטש ס'איז קיין בעווייז נישטא פאר דעם, אז דאס איז דער שבט דן פון די עשרת השבטים, וועלכער איז דורך אשור 790 יאהר פאר'ן חורבן בית שני פערוואגעלט געווארען אומבעוואוסט וואו. דאס זעלבע קען אויך זיין אמת די פערזיכערונג פון בעקאנטען דוד ראובני, וועלכער האט זיך געוויזען אין אייראפא אין יאהר 1530, אז ער איז א נשיא פון א וואנדערענדען יודישען שבט אין אראביען, וועלכער האט געטראגען דעם נאמען ראובן, ס'איז אבער נישט קיין ראי', אז דאס זאל טאקי זיין דער שבט ראובן פון די עשרת השבטים.

די יודען, וועלכע האבען געוואוינט אין אראביען נאך פאר דער ענטשטעהונג פון איסלאם, פלעגען אנגעבען די צייט פון זייער איינוואנדערונג אויף גאר אלטע צייטען: אויף דוד'ן, וועלכער איז ענטלאפען פון אבשלום און זאל האבען געווען א ביסעל צייט מיט זיינע מענשען אין אראביען; אויף שלמה המלכ'ס עקספעדיציע קיין אופיר: אויף פליטים פון ערשטען חורבן הבית און אויף פליטים פון בר-כוכבא'ס אויפשטאנד. אויך די היסטאריקער זענען נוטה אנצונעמען די לעצטע ווערסיע, ווייל ס'פאסט פאר דעם קריגערישען לעבענס ארט פון די אראבישע יודען. דאס איז אבער אזוי ווייניג בעוויזען, ווי די ווערסיעס וועגען די נאך פריהערדיגע דאטען. נישט אלס פליטים אדער אנהענגער פון בר-כוכבא'ן האבען זיך עס די דארטיגע יודען אויסגעצייכענט מיט זייער קריגערישען כאראקטער און ארגאניזאציע, נאר אין אראביען גופא האבען זיי עס ערווארבען און זיך אויסגעלערנט, צופאסענדיג זיך און ווערענדיג בעווירקט פון דער ארומיגער טעמפעראמענט און לעבענס-ארט, פונקט ווי מיר דא אין אייראפא פאסען זיך צו צו די אויסערליכע לעבענס-פארמען. דאס איז בלויז א פועל יוצא פון דער סביבה.

אויך דארפען מיר נישט אננעמען די השערה, אז די יודען אין מדבר ערב

וואס געהערט, וואס געזעהן.

די לעזער וועלען מיר מוחל זיין, וואס איך וועל די וואך, ווען מען הויבט שוין אן טראכטען אריינצוברענגען דעם פסח אין שטוב אריין, נאך דערצעהלען נאכוועהעניש'ן פון פורים. דאס טהו איך דערפאר, האלטענדיג, אז די עפיזאדען האבען א געוויסען סימבאלישען בעדייט.

זיי גרעגערען מרדכי'ן נישט המנ'ן...

אין דער שטאדט שוהל לייענט מען די מגילה, דער עולם זיצט מיט פערדאגה'טע פנים'ער, מען דערקענט נישט אין זיי קיין שום סימן פון פרייד, פון נצחון איבער המנ'ען, זעהענדיג, אז דער אלטער המן איז נאך געווען א הונד געגען די היינטיגע המנ'ס. טא וואס איז די שמחה? די קינדער זיצען מיט די גרעגער'ס אין די הענד און ווארטען נאר אויף א סיגנאל, אז מען קאן אנהויבען גרעגערען. ווען דער בעל קורא קומט צום פסוק: איש יהודי היה בשושן הבירה, ווערט א גרעגעריי, אז מען קאן פערטויבט ווערען. דאס האט זיך איבער'חזר'ט די גאנצע צייט, ווען נאר ס'איז געקומען צו א פסוק, וועלכער דערצעהלט וועגען יודישע גדולות. ווי, למשל, ליהודים היתה אורה ושמחה אזוו. אזוו. ס'האט נישט געהאלפען אפילו, וואס דער שוהל שמש האט געקלאפט אין שולחן און זאגאר אויפמערקזאם געמאכט, אז מען גרעגערט שלעכט—די קינדער האבען געטהון דאס זייעריגע און ביי יעדען פסוק וועגען א יודישער שמחה, האבען זיי געגרעגערט.

צוקוקענדיג זיך צום דאזיגען ספעקטאקעל, האב איך זיך געטראכט, אז דער קינדערשער אינסטינקט זאגט זיי אונטער, ווען זיי דארפען באמת גרעגערען, ווארום וואס דערצעהלט מען היינט עפעס אין דער מגילה א מעשה וועגען יודישע נצחונות, ווען ארום און ארום איז חושך ואפילה; מיר זענען ארומגערינגעלט פון צרות, וועלכע דערשטיקען אונז און דא קומען צוגעהן די מגילה לייענער און דערצעהלען מעשות, וועלכע זאלצען נאך די וואונדען.

המן האט א בייזע גבורה און געהט פון איין נצחון צום אנדערען, דאגעגען מרדכי האט איין מפלה נאך דער אנדערער, דער נפל תפול געהט גאר אויף מרדכי'ס קאנטא און די קינדער, וועלכע זענען ערליך און ווייסען נישט פון קיין פאלשע מאסקירונג, האבען טאקי אויסגעדריקט זייער אמת און אנשטאט המנ'ען-געגרעגערט מרדכי'ן...

ס'איז נישט מיין עסק, אבער פארט...

קומט פאר פורים, הויבט אן צו שווינדלען און צו גריבלען מיט די פארשידענע שלח מנות קארטען. וויפיעל חב־יות—אזויפיעל קארטען, אזוי אז דער געבער ווערט צומישט און ווייסט אליין נישט וועמען פריהער. פאר-וועמען-פאר-וועמען. נאר פאר אונזערע שנארער-חברות איז פורים א טייערער יום טוב, ס'שטעהט דאך בפירוש אין דער מגילה: ומתנות לאביונים...

איין קלייניגקייט האב איך אבער בעמערקט, אויף וועלכען איך וויל אויפמערקזאם מאכען און דאס איז, וואס די ישיבה „כתר תורה" האט בענוצט ביים ארומשיקען די שלח מנות-קארטען קינדער פון דער זעלבער ישיבה.

ס'געהט מיך נישט אן, ס'איז נישט מיין דאגה. פאר'ט אבער איז עס נישט אין ארדנונג, ווייל, ערשטענס, מאכט א שלעכטען איינדרוק, ווען יונגלעך פון דער ישיבה דארפען ארומגעהן שנארען פאר זייער ישיבה. צווייטענס, פיהרט מען אריין א דעמאראליזאציע; ארימע קינדער דארף מען נישט געבען צו זאמלען געלד. דריטענס בעציהען זיך די נותנים צו די יונגלעך מיט לייכטשעצונג און געבען טאקי נישט אדער גאר ווייניג. כ'האב אפילו א פיערטען און א פינפטען מאטיוו אויך, נאר איך וויל זיי שוין נישט דערמאנען. יעדענפאלס מאך איך אויפמערקזאם און דאס ערקלער איך קאטעגאריש, אז כ'בין נישט אויסען צו שאדען דער ישיבה, פערקעהרט, דאס איז פאר איהר גוטען וועגען.

ס'איז טאקי נישט מיין עסק, וועלען די ישיבה-לייט זאגען, אבער פארט, רבותי, וואלט נישט געשאדט, אז איהר אליין זאלט איינזעהען, דאס מען טאר נישט שיקען די תלמודים שנארען פאר דער ישיבה.

צי דיענט אייך דער זכרון...

איידער מיר געהען נאך אנגרייטען אויף פסח, וואלט נישט געשאדט אנצופרעגען די טשענסטאכאווער יודען, צי זייער זכרון דיענט זיי.

איך מיין דאס, וואס עס האט זיך פאראיאהרען אבגעטהון אין בלאכאווניע.

איך דערמאן עס איצט, ווייל אונזערע יודען, וועלכע זענען זריזין למצוות, בעזארגען זיך נאך א שטיק פאר פסח מיט א דירה אין בלאכאווניע, זיי האבען מורא, אז עס זאל זיי עמיצער נישט אויסכאפען, פרעג איך טאקע די יודען אין דער ריכטיגער צייט, צי זיי געדענקען, וואס עס האט זיך פאראיאהרען אבגעטהון אין בלאכאווניע?...

אוודאי וועלען אויך היי יאהר קומען די גאספאדאזשעס פון בלאכאווניע און שווערען בכל השבועות, אז זיי גאראנטירען פאר רוה און ארדנונג, און די נאאיווע יודען וועלען זיי גלויבען און ווידער פאהרען און די רוה און ארדנונג וועלען ווידער געשטערט ווערען. ווארום אויך פאראיאהרען איז געווען דאס זעלבע. אויך פאראיאהרען האבען די גאספאדאזשעס, וועלכע האבען געוואלט פערדינגען זייערע דירות פאר א טייערען פרייז, געשוואוירען, אז קיינעם וועט קיין האר נישט געקרומט ווערען, און פונדעסטוועגען?...

כ'קאן נישט געבען קיין עצה די יודען, וועלכע דארפען האבען פרישע לופט און זאגען, אז זיי זאלען דארט נישט דינגען און איינמאל פאר אלע מאל אנלערנען די בלאכאווניער גאספאדאזשעס למען ידעו פארט אבער קאן מען אויך נישט זאגען, אז מען זאל אריינשמופען דאס געלד די בלאכאווניער פויערים און שפעטער זאל מען נישט זיין זיכער מיט'ן לעבען און יעדע סעקונדע שטעהן מיט'ן קלומעקיל אין דער האנד צו אנטלויפען.

מען דארף וועגען דעם ערנסט א טראכט טהון, איך גיב נישט קיין עצה, נאר כ'האלט אבער פאר מיין חוב צו דערמאנען די בלאכאווניע - פאהרער וועגען דעם און פרעגען, צי זיי געדענקען, וואס עס האט זיך אבגעטהון פאראיאהרען אין בלאכאווניע, צי עס דינט זיי דער זכרון?...

קאנען קאן ער, נאר ער טאר נישט...

יענע וואך איז אין געריכט פארגעקומען איינער פון א סך פראצעסען וועגען האקען שויבען אין יודישע פענסטער.

מילא, דעם גאנג פון פראצעס איז דא נישט וויכטיג איבערצוגעבען, עס איז געווען א פראצעס אזוי ווי אלע פראצעסען פון דעם מין: דער יוד האט אנגעוויזען אז פלוני בן פלוני האקט ביי איהם כסדר אויס די שויבען און דעריבער פערלאנגט ער, מען זאל דעם פערברעכער בעשטראפען. דער בעשולדיגטער, נאטירליך, טענה'ט, אז ער איז גאט די נשמה שולדיג און בעלר האט ער וויפיעל עדות איהר ווילט נאר, אז פונקט דאמאלס ווען מען האט געהאקט שויבען, האבען זיי, די עדות, געשפילט מיט איהם אין קארטען, נו, במילא האט ער דאך נישט געקאנט אין דער זעלבער צייט האקען שויבען...

דאן קומט דער פערטיידיגער, איינער פון די ענדעקישע אדוואקאטען און מאכט פון זיין קליענט א כשרע נשמה און פרעגט דערביי דעם בעשולדיגער, צי ער קאן תלמוד, הקיצור, צוליעב פאנגעל אין בעווייזען ווערט דער בעשולדיגטער בעפרייט. אבער נישט דאס בין איך אויסען, ווייל אזעלכע פראצעסען מיט אזא פינאל איז דאך נישט קיין זעלטענהייט; איך וויל אבער ביי דער געלעגענהייט דערצעהלען א כאראקטעריסטישען עפיזאד, וואס איז א סימן פון דער היינטיגער צייט.

בעת די פערהאנדלונגען האט זיך דער ריכטער געוואנדען צו דעם יודישען אנקלאגער, וועלכער איז גראד א פעסט-געבויטער מאן, מיט דער פראגע, אז ער פערשטעהט גארנישט, וואס דער יוד דערלויבט, אז דער בעשולדיגטער, וועלכער איז גראד א פיזיש-שוואכער זאל איהם אויסהאקען שויבען. צי קאנט איהר זיך מיט איהם נישט קיין עצה געבען – פרעגט דער ריכטער מיט פערוואונדערונג – איהר, פאניע, זעגט דאך שטארקער פון אט דעם שויבען-האקער? דערויף האט דער יוד באלד געענטפערט: הויך געריכט, לעולם קאן איך זיך יא מיט איהם אנ'עצה געבען,

זאלען האבען געשטאמט פון די בני ריכב, וועלכע זענען אוועק אין מדבר און צוגעשוואוירען זייער אבי המשפחה צו פערבלייבען שטענדיג נאמאדען; אין אראביען גופא זענען די איינגע-וואנדערטע יודען פערוואנדעלט געווא-רען, ווי אלע אנדערע בעוואוינער פון מדבר און קריגערישע וואנדער-שבטים.

דאס אלץ איז שייך נור צפון ערב. אין דרום דאגעגען, האבען זיך די יו-דען בעזעצט אויפ'ן באדען פונקט אויף אזא פרידליכען אופן, ווי אלע אנדערע לאנד-איינוואוינער. אין מ ע ד י נ א הייסט א גאנצער מארק-פלאץ אויפ'ן נאמען פון יודישען שבט – קאינוקאא, וועלכער איז בעשטאנען פון גאלדשמי-דען און געלד-וועקסלער.

ווען דער שרייבער פון די שורות האט נישט לאנג צוריק געפרעגט א געוויסען יודישען געלערנטען, וואס מען קען זאגען איבער די בעציהונג צווישען יודען און אראבער אין דער פאר-מאכמעדאנישער צייט, האט ער געענטפערט: „בעציהונג צווישען יודען און אראבער? די אראבער האבען גע-שלאגען און די יודען האבען געוויינט". דער דאזיגער ענטפער פאסט אפשר פאר די אייראפעאישע לענדער, אבער בשום אופן נישט פאר די יודען אין אראביען פון 1-טען ביז'ן 7-טען יאהר-הונדערט. א פאגראם, ווי אויף הילפ-לאזע אונבעוואפענטע, איז אויף די גוט-פערפעסטיגטע קריגס-פעהיגע יודי-שע שבטים אין אראביען געווען א זאך פון דער אוממעגליכקייט. ס'זענען טאקע פארגעקומען מלחמות צווישען זיי און אראבישע שבטים, אבער דער נצחון איז געווען אפט גלייך אויף ביידע זיי-טען. ס'האבען אויך נישט געפעהלט קיין סכסוכים צווישען יודישע שבטים גופא, זיי האבען זיך אבער – לויט ווי ס'דערצעהלען די מקורים – מיינסטענס געענדיגט בשלום און די ווירקונג פון אלטער יודישער טראדיציע איז אויך ביי די רויהע מדבר-זין נישט פערלוי-רען געגאנגען. אום שבת האבען זיי קיין ארבייט נישט געטהון און קיין מלחמות נישט געפיהרט. זיי האבען – וואס א אמת – די יודישע אמונה צווי-שען די בעדואינישע אראבער נישט געזוכט צו פערשפרייטען, זיי האבען אבער מיט זייער גייסטיגען איינפלוס געשטערט דאס פערברייטערונג פון קריסטענטום צווישען די אראבער. זיי-ער גייסטיגער איינפלוס זאל האבען דאן געווען זעהר גרויס. אין דעם שווערען וואנדער-לעבען זייערען, זאלען זיי נישט האבען פערגעסען די קונסט פון לייענען און שרייבען. די אראבער פון פאר מחמד'ס צייטען האבען גערע-כענט זייער צייט דורכאויס לויט'ן יו-דישען קאלענדאר, האבענדיג 7 מאל אין 19 יאהר עבור-יאהרען. ערשט נאך דער ענטשטעהונג פון דעם מחמד'אני-שען גלויבען הויבען אן די אראבער זייער נייעם משונה'דיגען קאלענדאר פון בלויז לבנה-חדשים אהן קיין שום עבורים און זייערע ימים-טובים וואנ-דערען אזוי ארום דורך אלע צייטען פון יאהר.

פיעל רעליגיעזע בעגריפען פון יו-דענטום זענען צווישען פאר-מחמד'אני-שע אראבער געווען אזוי פערשפרייט, אז מחמד האט זיי אהן קיין שום קלער און אויפקלערונג איינגענומען אין קאראן, ווי צב"ש: תורה, לוחות, גן-עדן, גהנום, שבת א"א.

אהן קיין שום איבריגע בעמיהונגען געווינט דעריבער דער אראבישער רע-ליגיעזער געניע מחמד דאס אראבישע פאלק פאר'ן גלויבען אין איין גאט, וואס איז שוין צווישען זיי געווען גוט בעקאנט פון די יודען. אויף מחמד'ן גופא האט דאס וואס ער האט אויסער-ליך געזעהן פון יודענטום, געמאכט א טיפען איינדרוק. פון קרייז פון זיינע ראטגעבער, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך אנגעהערענדע ערטער געפונען יודען, האט מחמד בעקומען פיעל ידיעות, כאטש נישט קלארע און אהן צוזאמענהאנג, אין דער לעהרע און די געזעצען פון דער תורה. איינצעלנע יודען פון מעדינא האט אזוי אימפא-נירט, אז זיי האבען זיך ערקלערט פאר זיינע אנהענגער. אנדערע יודען האבען אבער איינגעזעהען, ווי ווייט ווייניג זין און גייסט פון יודענטום עס דריגגען דורך מחמד'ן און זיינע נאהנ-טע, זיי האבען אנגענומען לגבי איהם א אב'חוק'ענדיגע האלטונג, בעזונ-דערס געגען זיין תאוה'דיגער לעבענס-פיהרונג. דאס האט געבראכט שליסליך דערצו, דאס מחמד האט זיך גענומען בעציהען פיינדליך צו יודען. ער ענ-דערט דאן פיעל פון דעם וואס ער האט גענומען פון יודענטום און בעש-שולדיגט די יודען, אז זיי האבען גע-פעלשט די תורה, וואו ס'האבען זיך פריהער מכלומרשט געפונען שטעלעס מיט אנדייטונגען אויף מחמד'ן אלס נביא...

די מלחמות פון מחמד'ן געגען יו-דען זענען געווען דורכאויס שווערע און לאנגדויערענדע שבטים קאמפען. דער נצחון איז איהם אנגעקומען, אי-בערהויפט אין אנפאנג, נאר א דאנק די אונאייניגקייט און ארגאניזאציאנס-מאנגעל פון די יודישע שבטים. דער יודישער שטאם קאינוקאא האט שוין אין יאהר 624 געמוזט פערלאזען זיין וואוין ארט און ענטלויפען קיין ארץ ישראל. נאכהער האט נאך געוואלדיגע און אכזריות'דיגע קאמפען דער זעל-בער גורל געטראפען אויך דעם שבט נאדהיר. דאן האט שוין אין אלגעמיין גענומען פערשפרייטען א פיינדליכע שטימונג געגען די יודען. קיין בונדען, וואס איז אין לעבען פון די מדבר-שטאמען אזוי וויכטיג ווי געשעפטס-פערבינדונגען אין אייראפעאישען לע-בען, ווערען מיט זיי דורך קיינעם מעהר נישט געשלאסען. שוצלאז און אהן שום פערקעהר מיט זייערע שכנים, זענען מענכע שבטים געפאלען אלס קרבנות פון דעם פאנאטיזם פון די זיי ארומרינגלענדע אראבישע מחנות, ווי ס'איז געווען דער פאל מיט'ן שבט קאראאיזא.

דאך אבער וואלט געווען אונזיניג צו רעדען וועגען פאגראמען פון מחמד'ן איבער יודען. אויף די דאזיגע אונזיניגע בעהויפטונג האט שוין אויך אנגעוויזען דער אינדיש-מחמד'אנישער קאנגרעס און זיינער א יודענפיינדלי-כער, אבער דאך אין אינהאלט פיעל דעם אמת-ענטשפרעכענדער פעסטשטע-לונג, דאס מחמד'ס מלחמות זענען ענטשטאנען בלויז צוליב רעליגיעזע געגענזאצען און האבען אנגענומען די יעניגע פארמען, וועלכע האבען גע-וועהנליך געהערשט צווישען די אראבי-שע שבטים. דער דאזיגער פאליטישער אינדיש מחמד'אנישער דאקומענט ענ-טהאלט, אגב, נאך איניגע בעמער-קונגען וועגען דער האלטונג פון גע-וויסע יודען צו דער מחמד'אנישער וועלט אין 19 טען יאהר הונדערט-צו וועלכע מיר וועלען זיך נאך אומ-קעהרען. (המשך קומט)

ב. כהן (איז.)

„קריסטען פאר יודען"

(א נייער קריסטליכער ארדען פאר געמיינזאמען קאמף מיט נאציזם)

די בעלגישע צייטונגען דערצעהלען וועגען א נייעם קריסטליכען ארדען, וואס איז ענטשטאנען אין בעלגיען אונטער'ן נאמען: קריסטען פאר יודען.

דאס פראגראם פון דאזיגען ארדען איז די דערנעהנטערונג פון קריסטען און יודען פאר'ן געמיינזאמען קאמף געגען דעם שונא פון קריסטענטום און יודענטום – דעם נאציזם.

די אידעע פון דעם ארדען איז ענט-שטאנען אין דייטשלאנד, אין די דייטש-קאטוילישע קרייזען, פונוואנען זי האט זיך איבערגעטראגען קיין בעלגיע. דער ארדען האט שוין אייגענע קירכען הארט ביי דער דייטש-בעלגישער גרע-ניץ. דאס איז דערפאר, כדי די קאטא-ליקען פון דייטשלאנד זאלען קענען מיט דער הילף פון גרעניץ-פעסער דא אהערקומען. אנדערע גנבענען די גרע-ניץ און שטעלען זיך פשוט איין דאס לעבען.

אין די קירכעס קומט מען זיך צו-זאמען יעדען שבת, טאקע ווייל דאס איז דאס איז א רוה-טאג פאר פיעל יודען, האט מען אויסגעקליבען דעם טאג פאר די תפילות אויסצולייזען דאס יודישע פאלק פון אלע צרות. מיט דעם דערנעהנטערט מען, זאגען די אנהענ-גער פון דער נייער סעקטע, צו די יודען, אינערליך און מיט דער נשמה, דאס וועט שפעטער פיהרען צו דער צוזאמענארבייט.

א בעלגישער זשורנאליסט שילדערט אזוי זיין בעזוך אין דער קירכע פון „קריסטען פאר יודען" אין א בעלגיש גרעניץ-שטעדטיל:

די תפילה הויבט זיך ביי די „קריס-טען פאר יודען" אן מיט אנ'אויפקלע-רונג, פארוואס מען קומט זיך צונויף שבת צום גרויסען געבעט.

שבת, דערקלערט דער גלח, איז דער רוה-טאג פאר פיעל יודען. אין דעם טאג, פאר אונזער זונטאג, איז אונזער חוב צו בעטען פאר דער אויס-לייזונג פון יודישען פאלק. מיר בעטען אז יודען זאלען בעפרייט ווערען. זיי-ער אויסלייזונג וועט זיין אויך אונזער בעפרייאונג. ביידע גלויבענס זענען צוויי וואסערען, וואס פליסען פון איין קוואל. מיר זעהען, אז מיט פייניגען יודען דערגעהט מען צום סוף צום פיי-ניגען קריסטען. פיעל קריסטען האבען דאס א צייט לאנג, ליידער, נישט דערזעהען. מיר קומען טאקע איצט אב פאר די זינד פון אונזערע אבות. מיר דארפען אליין פעררייכטען, מיר דארפען זיך לייטערען, דאס מוזען מיר. מיר בעטען פאר דער אויסלייזונג פון די יודען. זונטאג בעטען פאר דער אויס-לייזונג פון אונז אלעמען.

נאך דער רעדע קומען די תפילות, אלץ געהט צו מיט די בעקאנטע קירכ-ליכע ריטואלען. מען זינגט א סך. צום לעצט ווערט געזונגען א ספעציעל ליד, אוגטערגעהאלטען אויך פון כאר, פער-פאסט פון איינעם פון די אנגעזעהענסטע פיהרער פון דעם נייעם ארדען, וואס האלטען זיך אומלעגאל אין דייטש-לאנד.

דאס שפאנענדיגסטע פון דער גאנ-צער געבעטס-צערעמאניע קומט ערשט צום סוף. נאך יעדען געבעט בעווייזט זיך א גלח אויפ'ן אמבאנע און גיט איבער די לעצטע נייעסען פון דייטש-לאנד. אפט ווערט דאס געמאכט דורך א דייטשען גלח, וואס קומט נאר וואס פון דייטשלאנד.

דאסמאל האט גערעדט א דייטשער גלח פון ריין געביט. ער האט גערעדט מיט א וויינענדער שטימע און דער-צעהלט די אלע צרות וואס עס שטע-הען היינט אויס די קאטויליקען אין דייטשלאנד און דאן גיט ער איבער א סענסאציאנעלע געשיכטע, וואס איז זיך פערלאפען מיט איניגע וואכען צוריק אין דער דייטשער שטאדט ביי-רוט.

אין דער שטאדט, דערצעהלט דער גלח, איז געקומען דער בישאף פעטרוס אריזא. ער איז געקומען דירעקט פון רוים. אויפ'ן באהן-הויף האבען איהם אויפגענומען די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע. די שילער פון דער יודישער שול האבען איהם צערעמא-ניעל געפיהרט אין דער סינאגאגע. דארט האט דער ראבינער בעגריסט דעם בישאף.

ס'איז געווען א ריהרענד בילד פון פערברידערונג צווישען צוויי גלויבענס, וואס האבען זיך יאהרען לאנג בע-קעמפט – דערצעהלט דער גלח. אזעל-כע פערברידערונגס-סצענעס קומען אפט פאר היינט אין דייטשלאנד. דאס קען, ליידער נישט קומען צום אויסדרוק אויף אפענע פלעצער. אבער דאס פאלק ווייס פון דעם. מען העלפט זיך זיך געגענזייטיג אין נויט-פאלען, די דאזיגע נויט שאפט דעם בונד צווישען יודען און קריסטען.

דער דייטשער גלח דערצעהלט ווי-טער וועגען א צווייטען פאל פון די גאר לעצטע טעג פון א קליין שטעדטיל אין ריין-געביט. אין שטעדטיל זענען פערבליבען עטליכע יודען מיט א קראנקען ראבינער. נישט געקוקט אויף אלע דראהונגען מצד דער מאכט, הא-בען דייטשען זיך מקריב געווען און געשטיצט אלע יודען אין געהיים, דעם קראנקען רב האט מען אויסגעהאלטען מיט אלעס און א ספעציעלער אויפזע-הער האט זיך פערנומען מיט אבהיטען אלע רעליגיעזע מכשירים פונ'ם רב-שוחט. מען איז נישט אבגעטרעטען פונ'ם ראבינער ביז ער איז געזונד געווארן און ווען ער איז שוין געווען פולקאם געזונד, האט זיך דאס גאנצע שטעדטיל געפרעהט.

ביים ארויסגעהן טיילט מען א פלוג-בלעטיל „קאטאליקען פאר יודען".

אין די דאזיגע פלוג-בלעטלעך, ווי אין די בראשורען, געפינט מען ציטא-טען פון די מוטיגע רעדעס פון די הוכע גייסטליכע פון דייטשלאנד, אזוי געפינט מען דארט די רעדעס פון בי-שאף פאן פאולהאבער און די ווערטער פון גלח נימעלער, וועלכער שמאכט אין תפיסה.

די מעשה איז אבער, וואס איך טאר נישט – אט דערין ליגט דאס אומגליק; קאנען קאן איך, נאר איך טאר נישט, ווארום אויב איך וואלט אט דעם שוי-בען-האקער געגעבען א קלאפ, וואלט צומארגענס אדער באלד דעם זעלבען טאג אויסגעבראכען א פאגראם, און אז צוליעב מיינע שויבען זאל ווערען א פאגראם אויף אלע יודען אין שטאדט, לוינט זיך מיר גאך נישט...

דערהערענדיג די דאזיגע תשובה, האט דער ריכטער אראבגעלאזט דעם קאפ צווישען די אקטען און שוין מעהר נישט געפרעגט. ביי זיך אבער האט ער מסתמא געטראכט, אז דער יוד האט קלוג געענטפערט, ווייל טאקטיש איז דאך אזוי: ער קאן טאקי, נאר ער טאר נישט...

דער ריכטיגער טעם פון גלות...

אז מיר יודען זענען אין גלות, ווייסען מיר שוין פון לאנג, כאטש מיר האבען קיינמאל נישט געקאנט געבען די ריכטיגע דעפיניציע פון דעם ווארט: ג ל ו ת, ווייל יעדער האט עס אויס-געטייטשט אויף אנ'אנדערען אופן. ס'זענען געווען אפילו אזעלכע, זאל מען זאגען די לינקע יודישע פארטייען, וועלכע האבען דאס ווארט גלות גע-נומען אין גענוזען-פיסלעך.

נישט ארייגלאזענדיג זיך אין טיפע חקירות, וויל איך אייך נאר איבערגע-בען איין פאקט און זאגט מיר צי דאס קאן זיך קוואליפיצירען אלס א גלות-ערשיינונג, כ'מיין, צי דאס איז דער ריכטיגער טעם גלות.

עס איז שבת אינדערפריה, יודען געהען אהיים פון דאווענען, אונטער-פרומענדיג א נגון. אויפ'ן וועג שטע-הען יונגע שול-קינדער, וועלכע זענען צוליב די פייערליכקייטען בעפרייט געווארען פון דער שולע, געהען צו אט די קליינע 12 יעהריגע קונדסים, און שייען ארייין א יודען אין פנים: פרעטש ז' זשידאמי! און אזוי ווי דער יוד ענטפערט נישט, ווייל ער טאר דאך נישט ענטפערען, כאפען זיי איהם נאך אן ביי דער גרויער בארד און ציפען איהם, שפייען אויף איהם און בעווארפען מיט שטיינער. דער יוד ווערט מבולבל, די נשמה יתירה ווערט ביי איהם בעשפיגען, און די הייליג-קייט פון שבת ווערט פערשוועכט.

ארום שטעהען יודען, קוקען דאס אלץ צו און רופען זיך נישט אן, דאס הארץ צאפעלט ביי זיי פאר איבערע-גונג, די פויסטען ביילען זיך פאר כעס, נאר זיי שווייגען, זיי מוזען שווייגען.

אט דער איינער פאקט בעווייזט בולט, אז מיר יודען זענען אין גלות, אז מיר פיהלען דעם ריכטיגען טעם פון דעם אמת'ן גלות...

דער ערב פסח יריד הויבט זיך אן

עס העלפט גארנישט, מעג דיין הארץ זיין אנגעזאלצען מיט די יסורים פון דעם ארום, קומט אבער פסח, דער יום טוב, וואס דערמאנט דיך וועגען פרייהייט, מוז מען זיך צו איהם צו-גרייטען.

הויבט דעריבער טאקי שוין אן צו קאכען אין יודישען וועלטיל. אין דער קהלה קומען פאר בעראטונגען וועגען קמחה, ביי די מצה-בעקער-די הכנות וועגען באקען מצות. ביי די רעדלפר און שיבער-איינשרייבונגען ביי „תומכי עניים" און „בית לחם"-די יום-טוב-אקציע און אזוי כסדר און כסדר.

אויך די שטאדט-שוהל-מתפללים ווי-לען דעם היי-יאהריגען פסח בעציהרען די שטאדט-שוהל מיט א כאר, זיי ווי-לען, זאגען זיי, כאטש די פאר שעה, ווען זיי זענען ביים דאווענען, פער-געסען אין די צרות און ביטערנישען פון דער שטוב און גאס. דא, אין הויז פון גאט, ווילען זיי, טראץ אלע שונ-אים, בעווייזען, אז עוד לא אבדה, אז דער יודישער בטחון אויף בעסערע צייטען איז נאך נישט פערלוירען.

היות אבער ווי צו האבען א כאר (אגב האבען די שוהל-מתפללים בע-שלאסען צו האבען א סטאבילען כאר אויף א גאנץ יאהר), מוז מען האבען ממתקים, און היות ווי אויף דער קהלה, וועלכע איז אליין א קבצן אין זיבען פאלעס, קאן מען זיך אין יעצ-טיגען מאמענט נישט פערלאזען, הא-בען זיי געמאכט אנ'אסיפה און בע-שלאסען מיט אייגענע כחות אויסצו-האלטען א כאר. און–אומר ואוכל, מען האט צונויפגעשטעלט א ליסטע פון די שוהל-מתפללים און יעדער כנדבת לבו האט צוגעשטייער געגעבען כפי יכולתו, און א כאר וועט טאקי זיין.

די איניציאטארען זענען זיכער, אז אלע מתפללים פון דער שוהל, אזוי גוט די מענער ווי די פרויען, וועלען זיך בעטייליגען אין דער כאר-אקציע.

ווי איהר זעהט, רבותי, טהוען זיך יודען דאס זייעריגע און הויבען זיך אן צוצוגרייטען צום ערב פסח יריד.

דאס טייערע תורה'לע

א תורה איז געגעבען געווארען צום פאלק ישראל.

פון דער דאזיגער תורה האבען גע-נאשט אלע פעלקער און עס אויסגע-טייטשט אויף זייער שטייגער. מוחל זיין אבער די יודען דערפאר, ווייל פון אלע שבעים אומות האט מען יודען אויסגעקליבען צו געבען די תורה, קאנען זיי אונז נישט שענקען און נע-מען דערפאר פון אונז נקמה ביז'ן היינטיגען טאג.

מען האקט אויס די פענסטער פון די שוהלען, וואו די ספרי תורות גע-פ'נגען זיך און אפטמאל רייסט מען זיך אריין אויך אין די שוהלען און מען צורייסט אויף שטיקער די פארמעטען, אויף וועלכע די פייערדיגע ווערטער פון לא תרצח זענען אויפגעשריבען.

אויך אונז יודען שאנעוועט מען נישט. צוליב אט דער תורה, וואס מיר האבען מקבל געווען, איז געווא-רען א שנאת עולם לעם עולם, מען יאגט אונז און מען רודפט אונז אהן א שיעור און אהן אנ'עק.

ווען דאס טרעפט ביי אנדערע פעל-קער, וואלטען יענע שוין לאנג גע-מאכט א סוף; צו-וואס טויג זיי אזוי פיעל צו ליידען צוליב דער תורה.– נעמט אייך צו די תורה–וואלטען יענע פעלקער געזאגט–און הערט אונז אויף צו פייניגען. אזוי איז די לאגיג מחייב און אזוי וואלט געדארפט אייגענטליך זיין. איז דאך אבער דאס פאלק ישראל אנ'עם קשה עורף, שפיעלט עס זיך אין להכעיס. איהר צורייסט די ספרי תורות, וועלען מיר שרייבען אנדערע, נייע, און מיר וועלען זעהען ווער ס'וועט מיעד ווערען; איהר צורייסט און מיר וועלען כסדר מאכען נייע.

און נישט בלויז אין נארמאלע צייטען, נאר אפילו אין די אויסערסט-שווערע עקאנאמישע בעדינגונגען אין וועלכע יודען לעבען איצט, האלטען זיי אין איין שרייבען נייע ספרי תורות. אמאל דאס מנין און אמאל דאס חסידים-שטיבעל, מען מאכט א פייערליכען סיום, מען פרעהט זיך, מען טאנצט, מען געהט ממש אויס פאר גייסטיגען תענוג.

א מערקווירדיג פאלק זענען די יו-דען, אלע זייערע צרות נעמען זיך אדאנק דער תורה, וועלכע זיי האבען צוגענומען און דאך פרעהען זיי זיך, ווען זיי שרייבען א ספר תורה.

די וואך איז פארגעקומען א התחלת ספר תורה ביים מנין פון „הכנסת-אורחים", ביי די אמת'ע „עמך". נו, נו, האט איהר געדארפט זעהען די אויסערגעוועהנליכע שמחה. דער פרע-זעס ניעמיראווסקי אין הארטען קא-פעלוש זיצט פון אויבען אן ביי דער אסיסטירונג פון די וויצע-פרעזעסען י. מ. עפשטיין און לאפידות. עס האל-טען רעדעס מענינא דיומא: ר' משה האלטער און ר' בנימין רובין. דער בדחן מונאוויטש רופט אויף און גראמט און ווי נאר עמיצער שרייבט אנ'אות, שפיעלט די מוזיק אויף א פרעהליכעס און די חברה מיטגלידער כאפען אויף דעם „קרבן" און מען טאנצט און מען טאנצט, שפעטער כאפט מען א טרינק בראנפען מיט א שטיקעל לעקיך און מען ווינשט זיך מזל טוב.

און מערקווירדיג. אין דער זעלבער צייט, ווען ט'איז פארגעקומען דער פייערליכער התחלת הספר, האט מען דערוויל אין גאס געשריגען: „פרעטש ז' זשידאמי" (ס'איז געווען דער אנטי-קאמוניסטישער מיטינג). דער „עמך"-עולם אבער אויף דער גארנצארפסקא גאס האט זיך געטהון דאס זייעריגע, זיי האבען זיך משמח געווען, שריי-בענדיג א ספר תורה און געזאגט צום רבונו של עולם אזוי צו זאגען: מעגען הולילן בייזע ווינטען, מעגען אונזערע שונאים אונז טהוען, וואס זייער טריפה בלוט הייסט זיי, מיר אבער וועלען זיך טהון דאס אונזעריגע, מיר וועלען שרייבען אלץ נייע ספרי תורות.

נישט בחנם האט דער רבונו של עולם אויסגעקליבען דאס קליינע פאלק ישראל פאר די אתה בחרתנו; זיי, דאס פאלק ישראל, וועלען נישט צו-לאזען, אז דער רבונו של עולם זאל חס ושלום באנקראטירען...

לויתן

31-טער מערץ 1938

פון אדוו. ע. שעסקין

ס'דערנעהנטערט זיך דער טאג פון 31. מערץ 1938 — א טאג, וועלכער האט אין דער געזעצגעבונג וועגען שטייער-הנחות א גאר גרויסע בעדייטונג. דעם 15. אפריל 1935 איז ערשינען א געזעץ וועגען אבצאהלען די פערלעגענע שטייערן, וועלכע שטאמען פון פאר'ן יאהר 1933. אין הסכם מיט'ן דאזיגען געזעץ האט דער וועלכער האט בעצאהלט די אויסגעמאסטענע שטייערן און די שטייערן וואס זענען פארגעשריבען געווארען דורך דעם זעלבען געזעץ, גענאסען פון הנחות ביים אבצאהלען די פערלעגענע חובות אין דעם שטייער און נעמליך: די בהדרגה'דיגע אנולירונג פון 70 פראצענט פון פערלעגענעם חוב מיט אבלעגען דאס צאהלען ביז'ן 31. מערץ 1938.

כדי צו געניסען פון דער דאזיגער אנולירונג, וועלכע האט בעטראפען דאס ערשטע יאהר 10 פראצענט, דאן 15, 20 און 20 פראצענט, האט מען געדארפט אין יעדען בודזשעט-יאהר בעצאהלען דעם שטייער פון דעמזעלבען יאהר. דער, וועלכער האט דעם דאזיגען בעדינג נישט אויסגעהאלטען פערלירט די אנולירונגס הנחות ענטשפרעכענד צום געגעבענעם יאהר.

פון מיין פראקטיק מוז איך פעסטשטעלען, אז א גרויסער טייל שטייער-צאהלער האט נישט געהאלטען דעם דאזיגען בעדינג און דעריבער האבען זיי פערלוירען יעהרליך פון 10 ביז 20 פראצענט פון די חובות, וועלכע זענען געווארען צאהלבאר, זיי וואלטען אבער אנולירט געווארען ווען עס וואלט דורכגעפיהרט געווארען דער בעדינג צו בעצאהלען דורכ'ן יאהר דאס, וואס איז געקומען פון שטייער-צאהלער.

טיילווייז דורך אונבעוואוסטזיניגקייט, טיילווייז דורך נאכלעסיגקייט און טיילווייז צוליעב מאנגעל אין געלד, האבען די שטייער צאהלער צוליעב'ן נישט בעצאהלען עטליכע הונדערט זלאטעס, פערלוירען שווערע טויזענדער. איצט מוז מען ביז'ן 31 מערץ 1938 בעצאהלען דעם שטייער, וועלכער קומט אין בודזשעט-יאהר 1937|38, אין געגענפאל וועלען די צאהלער פערלירען 25 פראצענט הנחות און וועגען דעם דארף מען געדענקען, מ'דארף אויך געדענקען וועגען דעם, אז ביז'ן 31. מערץ קען מען ביים בעצאהלען א קאנטא אויף דעם פראלאנגירטען שטייער בעקומען א באניפיקאציע אין דער פארם פון פעררעכענען אויף יעדע איינגעצאהלטע 100 זל. אלס 150 זל. דערצו קען מען די דאזיגע 100 זל. איינצאהלען מיט מלוכה-פאפירען אזוי אז מעהר ווניגער קען מען די פראלאנגירטע שטייער-חובות בעצאהלען מיט 40 פראצענט.

נישט יעדער אבער ווייס, צי ער האט פערלעגענע שטייער חובות, צי זיי זענען איהם פראלאנגירט געווארען אין הסכם מיט'ן געזעץ פון 15. אפריל 1935 און צי ער געניסט פון די דאזיגע באניפיקאציעס. נאכ'ן 31. מערץ וועט זיין צו שפעט וועגען דעם צו טראכטען, מ'וועט מאכען עקזעקוציעס און קיין שום הנחות וועט מען נישט קענען אנווענדען. מ'דארף דעריבער באלד קאנטראלירען די אייגענע קאנטאס און זיך איבערצייגען אין וואס פארא צושטאנד זיי געפינען זיך. מאנכע שטייער-אמטען שיקען אויס צו די צאהלער אויפפאדערונגען צו בעצאהלען די פערלעגענע שטייערן ביז'ן 31. מערץ. מ'דארף געדענקען, אז מ'קען דאס בעצאהלען מיט פאפירען. דעריבער דארף מען פערזענליך קאנטראלירען די קאנטא, כדי צו וויסען וואס פארא צאהל פאפירען מ'דארף קויפען, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט צו בעצאהלען 100 פאר 150.

אין דער פראקטיק זענען פיעל מאל געווען טעותים אין דער בערעכנונג פון די אמטען וועגען דער הויך פון שטייער חוב. די קאנסעקווענצען דערפון האבען שפעטער געטראגען די שטייער-צאהלער. אזוי איז למשל געווען ביים בערעכנען דעם חוב אין הסכם מיט'ן געזעץ וועגען אנולירען קליינע חובות ביז 40 זל. און נישט איינמאל האט דער טעות פון באמטען געקאסט דעם שטייער-צאהלער פיעל געלד.

איך דערמאהן דעריבער די לעזער, אז ס'דערנעהנטערט זיך דער טאג פון 31. מערץ און מ'דארף צו דעם טאג זיין ווי געהעריג צוגעגרייט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין, וועלכע איז גערופען געווארען אויף פערגאנגענעם זונטאג, עפענט פרעזעס שטילער. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט לאוויק שפירא, אלס בייזיצענדע די ה"ה: מ. פויסט, געריכטער און דערעס, אלס סעקרעטאר ה' מאנעלע.

נאכ'ן אדורכלעזען דעם טאג-ארדנונג דורך דעם פארזיצער, ווערט אריינגעטראגען א פארשלאג, אז צוליב דער קליינער צאהל אנוועזענדע, זאל די פערזאמלונג אבגעלייגט ווערען אויף א צווייט מאל.

ה' שפירא איז מסכים מיט'ן פארשלאג און ערקלערט, אז היות ווי די מיטגלידער האבען צוליב געוויסע סיבות נישט געקאנט קומען אויף דער פערזאמלונג, זאל מען איבעררייסען און די פארזעצונג פון דער פערזאמלונג זאל פארקומען א צווייט מאל.

דער פארשלאג ווערט איינשטימיג אנגענומען און די פערזאמלונג ווערט איבערגעריסען.

שטיצט די „טאז"-אקציע!

צוריקגעעפענט די אגראנאם-שולע אין סלאבודקע-לעשנע פון דער באראן הירש פונדאציע

נאך 20 יאהר הפסקה איז די אגראנאם-שולע אין סלאבודקע-לעשנע צוריקגעעפענט געווארען. די שולע בעזיצט 300 מארגעס ערד. דער ציעל פון דער שולע איז אויסצובילדען טעארעטיש און פראקטיש זעלבסטשטענדיגע לאנדווירטען.

די למודים דויערען 2 יאהר. דער לעהרן פראגראם נעמט ארום פאך-למודים, ווי: לאנד-ווירטשאפט, גערטנערייי, בהמות צוכט, בינען צוכט, אלגעמיינע געגענשטאנדען ווי אויך העבראיש און יודישע געשיכטע. די שילער בעקענען זיך אויך מיט פאכען, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער דארפס-ווירטשאפט, ווי טאלעריי, סטעלמאכעריי, קארבען-פלעכטעריי א.א.וו.

דער אבצאהל בעטרעפט פאר דער לעהרע 20 זל. חודש'ליך און פאר אויסהאלטונג (ביי דער שולע עקזיסטירט א פאטראנאט) 35 זל. חודש'ליך. נישט-פערמעגליכע און די פעהיגע בעקומען בעדייטענדע הנחות.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען ביז'ן 10 אפריל ד.י.

גענויע אינפארמאציעס אין דער קהלה קאנצעלאריע (אלעע 10) אין די אמט שעה'ן.

„די כישוף מאכערין" (באבע יאכנע)

טעאטער-נאטיצען.

איך ווייס נישט גענוי ווי אזוי און אויף וואס פאר א אופן די „באבע יאכנע" איז געשפילט געווארען מיט יאהרען צוריק נישט אין דער איבעראַרבייטונג פון מאנגער'ן, נאר אזוי ווי גאלדפאדען האט זי זיך געשאפען. איינס קען מען אבער זאגען זיכער, אז אויב מען האט געהאט אזוי פיעל טענות צו גאלדפאדענען, דעם טאטען פון יודישען טעאטער, אז ער איז דאס געווען דער מחבר פון שונדיזם אויף דער יודישער גאס, איז די „באבע יאכנע" געוויס נישט קיין שונד זאך.

דאמאלס איז עס געווען א פיעסע, וואס איז געשפילט געווארען אין ווינקלערן און אין בודעס פון „פאזשארנע קאמאנדעס". די הויפט-ראל, די באבע יאכנע, האט געשפילט א מאנסביל, נישט געווען קיין געהעריג צופאסטע דעקאראציעס, מען האט געטאנצט, געהאפסעלט און דער יודישער עולם, קליין און גרויס, האט געלעקט די פינגער.

היינט איז דאס א פאנטאסטישער ספעקטאקל, בעארבייט ספעציעל פאר דער איצטיגער ביהנע דורך מאנגער'ן, רעזשיסירט דורך ראטבוימען, די כארעאגראפישע קונסט קאמפאנירט דורך יהודית בערג און היאר, די מוזיק פון העניאך קאהן — איז טאקי נישט קיין וואונדער, וואס פון דער „באבע יאכנע" איז געווארען א קונסט-ווערק, וואס קען דרייסט קאנקורירען נישט מיט איין ווערק פון דער אייראפעאישער ביהנע פון א ברייטערען פערנעם.

קודם-כל איניגע ווערטער וועגען דינה האלפערין. אלס באבע יאכנע האט זי זיך דערהויבען צו אזא קינסטלערישער הויך, וואס האט פשוט פערבליפט. די סצענע, ווי זי געהט ארויף אויף דער באנק צום קעסעל אנטהון כישוף ר' אברהמ'טשען — איז געווען אויסערגעוועהנליך הערליך, וואס האט פערכאפט דאס אויג. איצט די העכסט-געלונגענע כאראקטעריזאציע, דער ספעציפישער טאן, די טרעלען, דער געזאנג, די טריט און ספעציעל אין די מאמענטען ווען די באבע יאכנע האט זיך געדארפט מיט איהר הויקער אויסדרעהען—דאס אלץ צוזאמען האט געשאפען א פרעכטיגע, פולבלוטיגע פיגור פון א כישוף מאכערין, וואס האט זיך איינגעקריצט אין זכרון אויף א לאנגע צייט נישט צום פערגעסען.

מאקס באזשיק אלס האצמאך 1 האט מיט זיינע לייכטע בעוועגונגען און נאטירליכען נישט געקינצעלטען הומאר געשאפען אן ערשטקלאסיגען האצמאך. ער געהער בלי-ספק צו די בעסטע כאראקטער-אקטיארען. די חלום-סצענע איז, דוכט זיך, אינגאנצען ניי און געהער אויך צו די געלונגענסטע בילדער. דער עולם האט הארציג געלאכט פון זיינע איינפאלען און געזעהען אין די האצמאכ'ס די יודישע טראגעדיע, דעם יודישען גלות, די יודישע פרנסות.

אמזעל אלס האצמאך 2 און בראנעצקי אלס האצמאך 3 האבען גוט סעקונדירט און מיטגעהאלפען צום ערפאלג. פר. ליבראווסקא אלס מירעלע איז געווען צארט. זי איז א פעהיגע ארטיסטען, וועלכע שפילט מיט געפיהל און איבערצייגונג. די סצענע, ווי די שטיפמאמע פייניגט זי און שיקט איהר ארויס אויפ'ן מארק אהן שיך, איז געווען שטארק.

יצחק אינוועגטאוש אלס אליקום איז געווען נישט שלעכט. רות טארו און פרידא לוריע אלס די מיידלעך ביי דער כישופמאכערין און שפעטער אלס האצמאכ'ס טעכטער, זענען געווען גוט אנגעשפילט און געטהון אלץ, וואס איז געווען אין זייערע מעגליכקייטען צו געבען די ענטשפרעכענדע טיפען. די מאדאם גארבאזש אלס שטיף-מאמע איז געווען זעהר געלונגען, מען האט איהר באמת געגלויבט, אז אזוי מוז אויסזעהן א מרשעת, א שלאק פון א „מאמע" צו א שטיפטאכטער.

אויך די איבריגע ארטיסטען: פאזנאנסקא, שיוואק, שווייליך, מאשא פעטערמאן, זענען געווען גוט איינגעשפילט און מיט זייער שפילען מיטגעהאלפען צו דער גאנצקייט פון ערפאלג.

דער ספעקטאקל „די באבע יאכנע" איז אן אימפאזאנטע פארשטעלונג, וואס פערשאפט די צושויער גרויס נחת-רוח, און יעדער קען זי זעהען מיט סאטיספאקציע אפילו איניגע מאל נישט צו לאנגווייליגען זיך און וואס פערשאפט כבוד דעם רעפערטואר פון יודישען טעאטער.

מ. קויפמאן

פערמשפט א געוועזענעם באנק-לייטער

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון 36-יעהריגען קלאבוצקער איינוואוינער סטעפאן סטעפאנאווסקי, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען, אז ווען ער איז אין די יאהרען 1932—1937 אין אנהויב געוועזען קאסירער און דאן — לייטער פון דער קאאפעראטיווער באנק אין קלאבוצק, האט ער אראפגעלאזט צו זיך אין קעשענע 9.389 זל. דער אנגעקלאגטער איז די דאזיגע מיסברויכען בעגאנגען אויף אזא אופן, אז ער האט צוגענומען געלד פון די אבשפארער, מאכענדיג די געהעריגע נאטירונגען אין די אבשפארביכלעך, אבער ער האט דערנאך די איינגעצאהלטע געלדער נישט אריינגעטראגען אין די באנק ביכער. אויסער דעם האט ער דורך די באנק קאנטאס אדורכגעפיהרט סומעס, וועלכע ער האט נישט אויסגעצאהלט די קליענטען.

דער אנגעקלאגטער איז זיך נישט מודה צו דער שולד, פערטיידיגענדיג זיך מיט דער קריטישער סיטואציע. דערביי האט ער כאראקטעריזירט די טרויעריגע לאגע פון קליינשטעדטעלדיגען גייסטיגען אנגעשטעלטען. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער לייטער פון דער באנק, וועלכער איז אפטמאל געווארען „הער דירעקטאר", האט פערדינט 100 זל. א חודש. פון דער דאזיגער פענסיע האט ער נישט געקענט אויסלעבען, איבערהויפט, אז אין משך פון איין יאהר האט ער קובר געווען דריי נאהנטע פאמיליען מיטגלידער און זיין פרוי איז געפעהרליך קראנק געוועזען.

נאכ'ן אויסהערען די רעדעס פון די צדדים, האט דאס געריכט פערמשפט דעם אנגעקלאגטען אויף 1 יאהר תפיסה, אונטערשטרייכענדיג אין דער מונדליכער בעגרינדונג, אז דער מילדער אורטייל איז ארויסגעטראגען געווארען נאכדעם, ווי דער אנגעקלאגטער האט זיך מודה געווען צו דער שולד און נאך דעם ענטדעקען די מיסברויכען אבגעשריבען זיך פון א הייזעל אין דער ווערט פון 6 טויזענד זלאטעס, מיט וועלכע ס'איז אבגעדעקט געווארען א גרעסערער טייל פונ'ם שאדען.

נדבות אין רעדאקציע פאר „תומכי עניים".

פאמיליע ט-ט צו דער יאהרצייט פון זייער פערשטארבענעם פאטער ר' חיים ז"ל 20 קילא ברויט.

ה' ז. קרעמסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענע מוטער צפורה ב"ע 10 קילא ברויט.

ה' חיים 1.20 זל.

פונ'ם יודאאיסטישען צענטער

מארגען שבת פונקטליך 3.30 נאכמ. קומט פאר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פראפ. ב. וויינבערג, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „די נויטווענדיגקייט פון יודישער אחדות אין דער איצטיגער צייט".

ר' מאיר בוים

אין עלטער פון 101 יאהר איז די וואך צו קבורה געקומען דער גוט בעקאנטער אין אונזער שטאדט ר' מאיר בוים (ביטשנער) ז"ל.

דער נפטר האט זיך פערנומען מיט געזעלשאפטליכער ארבייט, איבערהויפט האט ער זיך אבגעגעבען נאך מיט אנ'ערך 40 יאהר צוריק מיט בעקליידען און בעשוכען ארימע קינדער, אויך בעזוכט ארימע קראנקע און זיי ארויסגעהאלפען מיט מעדיצינען און עסענווארג.

דער נפטר איז אויך געווען עטליכע צוואנציג יאהר גבאי אין „מחזיקי-הדת" און א חברה-קדישא מאן.

אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א גרויסע צאהל מלוים, וועלכע זענען געקומען אבגעבען דעם לעצטען כבוד דעם אזוי באפולערען אין אונזער שטאדט ר' מאיר בוים.

תנצבה.

פון „ארט"

די היגע אבטיילונג פון „ארט", וועלכע איז געגרינדעט געווארען מיט עטליכע חדשים צוריק, פיהרט א בעשיידענע אבער זעהר אנ'אינטענסיווע טעטיגקייט. אזוי זענען איינגעארדענט געווארען קורסען פאר שניידער, אין וועלכע ס'האבען זיך ביז איצט בעטייליגט איבער 50 פערזאן.

אויף דער לעצטער פערוואלטונגס-זיצונג פון „ארט" איז בעשלאסען געווארען איינצוארדנען ווייטערע קורסען פון פאלגענדע פאכען: 1) מאדעלעריי, 2) טעכנישע צייכנונגען פאר שלאסער, 3) מאדעלאציע פאר שטעפער א.ד.גל.

אין קורצען וועט פארקומען די ערשטע יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכע ס'וועט זיין אנוועזענד אויך א פארשטעהער פון דער צענטראלע.

פערבאטען דעם גאסען-האנדעל אין דער קלויסטער-געגענד

די שטאדט-פערוואלטונג האט אנגענומען א בעשלוס, לויט וועלכען ס'ווערט קאטעגאריש פערבאטען דער גאסען-האנדעל אין אלע זיינע פארמען אין דער גאנצער געגענד ארום דער יאסנאגורא. אנהויבענדיג היינטיגע וואך וועט דער גאנצער האנדעל, סיי מיט דעוואציאנאליעס, סיי מיט לעבענסמיטעל-ארטיקלען, קאנצענטרירט ווערען אויפ'ן דעוואציע-מארק אויף שוו. בארבארי, וועלכער וועט דערצו ענטשפרעכענד צוגעפאסט און בעלויכטען ווערען. אויסער דעם וועט פון דער קאזשימיעזשא גאס אדורכגעהאקט ווערען א גאס אין דער טיעף פון מארק, כדי צו ערמעגליכען דעם צופאהר פון די פוהרען. אויסער דעם וועלען אויפ'ן מארק אויפגעבויט ווערען ספעציעלע שאפעס פאר די פילגרימער-פוהרען.

צערעס

כשר לפסח

כשר, פסח'דיג, צום קאכען, באקען און בראטען.

צערעס דער אידעאלער קאקאס-פעטס ווערט איסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאווינא און קען עספפעהלט ווערען אפילו למהדרין מן המהדרין. עכט בלויז אין אריגינאל פאקונג צו ½, ¼, ⅛ קג. אהן פאקונג קיינמאל נישט עכט.

וואס וועט זיין היי-יאהר מיט קמחא?

אונטער'ן פארזיץ פון פרעזעס ראָזענבערג איז זונטאג פארמיטאג פארגעקומען אין דער קהלה א קאָנפערענץ מיט'ן אנטייל פון מעהרערע מיטגלידער פון דער אלטער און נייער קהלה-אָרגאַנען.

פרעזעס ראָזענבערג רעפערירט דעם ענין קמחא און זאגט, אז עס מוזען געשאפען ווערען די נויטיגע פאָנדען, כדי צו קענען בעזארגען די נצרכים מיט פסח-הילף. דערביי מאכט דער רעדנער אויפמערקזאם, אז דער אבּאַהל, וואס פלעגט יאהר-יעהרליך גענומען ווערען פון מעהל, איז היי-יאהר, אזוי ווי דאס פערגאנגענע יאהר—נישט אַקטועל. די זאַמלונג, וואס ווערט אדורכגעפיהרט ביי דער יודישער בעפעלקערונג, ברענגט אויך זעהר ווייניג; אזוי האט זי דאס לעצטע יאהר געברענגט סך הכל 4,000 זל. פרעזעס ראָזענבערג גיט אויך צו, אז אין בודזשעט פון 1937 איז אין הסכם מיט'ן ראַט, מיט וועלכען די פערוואלטונג האט פריהער געהאט אָבגעהאלטען א קאָנפערענץ, אריינגעשטעלט געווארען די נויטיגע סומע אויף קמחא. דערנאך אבער, ווען דער זעלבער בודזשעט איז בעטראכט געווארען אויף דער זיצונג פון קהלה-ראַט, האט דער ראַט די אייגענע קמחא פאָזיציע אָבגעווארפען, אנגעמענדיג דעם בודזשעט לויט'ן יאהר 1936. די פערוואלטונג, וועלכע האט שוין אויף די דאזיגע קמחא געהאט אויסגעשטעלט וועקסלען אויף 11 טויזענד זלאטעס, האט צוליב'ן בעשלוס פון ראַט געמוזט דעקען די סומע פון אנדערע פאָנדען. ה' ראָזענבערג בעט דעריבער זיך ארויסצוזאגען וועגען ענין קמחא.

ה' פאָגעל לייגט פאר, אז מען זאָל מאכען א בעזונדערען עטאַט אין דער הויך פון 10–15 פראצענט, לויט דעם אויסגעמאָסטענעם עטאַט פון 1937 טען יאָהר.

מאנכע אנוועזענדע דריקען אויס זייער ספיקות, צי מען וועט בעוויזען דעם ענין אדורכצופיהרען אין אזא קורצער צייט, אזוי אז מען זאָל נאך קאנען אויף פסח בעקומען דעם נויטיגען קמחא פאָנד.

דערויף ערקלערט פרעזעס ראָזענבערג, אז אין פאַל פון בעשטעטיגען דעם צוגאב בודזשעט דורכ'ן ראַט, וועלען אָנגענומען ווערען בעמיהונגען, אז די אויפזיכטס מאַכט זאָל דערלויבען אויף דעם סמך ארויסצושטעלען וועקסלען אויף דער געהעריגער סומע.

די קאָנפערענץ בעשליסט דאן איינשטימיג זיך צו ווענדען צו דער פערוואלטונג און ראַט וועגען אדורכפיהרען א צוגאב-בודזשעט אויף קמחא.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די פערוואלטונג אויף איהר זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך, אנגענומען דעם געהעריגען בעשלוס און אויף נעכטען, דאנערשטאג, האלב 9 אווענד, איז צוזאמענגערופען געווארען דער קהלה ראַט, בכדי צו בעהאנדלען דעם זעלבען ענין.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואשען מיט דויערהאפטען שפיגער-גלאַנץ צום פרייז 10 גר.

ספעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס. 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמיש ריינינגען און פאסאָנירען קאפעלושן.

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אָבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פראַקטיק

פערדינסט-קרייצען פאַר היגע עסקנים.

אין זאל פון פאָוויאטאָווע ראַט האט סטאַראָסטע ראָזמאַרינאָווסקי דעקאָרירט מיט גאָלדענע פערדינסט-קרייצען די לייטערין פון דער פאָווּשעכנע שולע פרוי פאָלפאָשינסקאָ, פרוי עמיליאַ דאַווידאָוויטש, אינזש. י. באַרקאָווסקי, אַדוואָ פלעבאַנעק, פראָפ. סאָבאַק און פראָפ. גאָלענהאָפער.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

75 אַרבייטער אָבגעפאָהרען קיין סאַנדאָמיעזש

דעם 18 ד. ח. האט זיך אָנגעהויבען אין דער עקספאָזיטור פון אַרבייטספאָנד די רעקרוטירונג פון אַרבייטער צו פערזיכערן די בּוּעגעס פון דער ווייסעל אין סאַנדאָמיעזש.

זונטאָג איז שוין אָבגעפאָהרען די ערשטע גרופע פון 75 אַרבייטער.

גרויס און קליין דאַרפען קומען בעוואונדערען די „כּישוף-מאַכערין"

זעלטען, ווען די טשענסטאכאווער טעאטער-בעזוכער האבען א געלעגענהייט צו זעהען אַזאַ וואונדערבארע אויפפיהרונג, וואו עס איז „די כּישוף-מאַכערין" אין דער בעאַרבייטונג פון מאַנגער'ן און אין דער אויפפיהרונג פון פאָלקס טעאטער מיט דינה האַלפערן און מאַקס בּאָזשיק אין דער שפיץ.

אין אַלע שטעדט פון פוילען, וואו די טרופע איז געקומען מיט דער דאָזיגער פיעסע האט עס ארויסגערופען בעגייסטערונג און אויפער די רעקלאַמירטע פארשטעלונגען האט די טרופע געמוזט פערבלייבען נאך אויף עטליכע טעג.

אויך אין טשענסטאָכאָוו פערבלייבט די טרופע אויף נאך צוויי טעג. דעריבער דאַרפען די יודישע טעאטער-ליבהאָבער אויסנוצען די געלעגענהייט און גרויס און קליין דאַרפען היינט, פרייטאָג 9 אָוועגד און מאָרגען, שבת 2,30 נאכמ. און 9 אווענד בעזוכען און בעוואונדערן „די כּישוף מאַכערין".

PIELĘGNIARKA
z długoletnią praktyką szpitalną
najlepsze referencje
przyjmuje zastrzyki, masaże i wszelkie zabiegi w tym zakresie
Regina Gelbard
Częstochowa, B. Joselewicza 9

O d p i s.

Dnia 22.II.1938 r. Nr. I. Ds. 3926/37. Wniosek o umorzenie dochodzenia. Przedstawiam załączone dochodzenie w sprawie Jana Walaszczyka podejrzanego z art. 281 K. K. i wnoszę o umorzenie dochodzenia na podstawie art. 248 § 1 k. p. k. wobec braku podstaw. O zarządzenie zawiadomienia o tem: pokrzywdzonego Jakuba Jakubowicza, Częstochowa, ul. Nowy Rynek 12. Uzasadnienie: Jakub Jakubowicz oskarżył Jana Walaszczyka, iż na jego nazwisko, w celu niepłacenia podatków sprowadzał towary do swego składu. Dochodzenie nie dostarczyło żadnych danych, któreby potwierdziły skargę. Wiceprokurator (—) B. Filipowski. Postanowienie. Postanawiam zgodnie z wnioskiem wiceprokuratora rejonowego. Dnia 24 lutego 1938 r. Kierownik oddziału Wiceprokurator (—) T. Karpiński.

Zgodność z oryginałem stwierdzam i wydaję, z akt umorzonego dochodzenia Nr. Ds. 3926/37 Janowi Walaszczykowi, na skutek jego prośby. Opłaty sądowej w sumie 2 zł pobrano.

Częstochowa, dnia 15 marca 1938 r.

Sekretarz Prokuratury
(podpis nieczytelny)

O d p i s.

Dnia 18.II.1938 r Nr. I Ds. 3928/37. Wniosek o umorzenie dochodzenia. Przedstawiam załączone dochodzenie w sprawie Jana Walaszczyka, pod. z art. 281 K. K. i wnoszę o umorzenie dochodzenia na podstawie art 248 § 1 k. p. k. wobec braku dowodów. O zarządzenie zawiadomienia o tem: Dawida Hochermana, Częstochowa, Nowy Rynek 12. O przekazanie sprawy po uprawomocnieniu się postanowienia II Urzędowi Skarbowemu w Częstochowie w myśl art. 186 Ordyn. Podatkowej

Uzasadnienie: Dawid Hocherman oskarżył Jana Walaszczyka o sprowadzenie do swego handlu towarów pod nazwiskiem jego wskutek czego Urząd Skarbowy wymierzył mu niesłuszny podatek. Dochodzenie nie potwierdza zarzutów Hochermana, dlatego dochodzenie należy umorzyć. Wiceprokurator I rej. (—) B. Filipkowski. Postanowienie. Postanawiam zgodnie z wnioskiem wiceprokuratora rejonowego, Dn. 16 lutego 1938 r. Kierownik Oddziału Wiceprokurator (—) T. Karpiński.

Zgodność z oryginałem stwierdzam i wydaję z akt umorzonego dochodzenia Nr. Ds. 3928/37 Janowi Walaszczykowi na skutek jego prośby. Opłaty kancelaryjnej w sumie 2 zł. pobrano. Częstochowa, dn. 15 marca 1938.

Sekretarz Prokuratury
(podpis nieczytelny.)

Niezrównana książka z przepisami Dra A. Oetkera p. t. „Dobra gospodyni piecze sama" jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych i księgarniach. Cena obniżona 30 gr.

2 צימער און א קיך
מיט בעקוועהמליכקייטען
שוין צו פערדינגען
קילינסקי 14. ערקינדיגען ביים סטרוזש

פון באָקס.

פערגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א באָקס-מעטש צווישען סלאָוויאַ (רוזא) אין היגען מכבי. וועלכער האט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון מכבי 6:8

ליפ (ס) פערשפילט אויף פונקטען צו אלעקסאַנדראָוויטש'ן.

קאָלאָדזיעי (ס) בעקומט 2 פונקטען צוליעב דער איבערוואָג פון קרויזע. אין פריינדשאפטס קאַמף זיעגט אויך קאָלאָדזיעי, וועלכער האט אנ'איבערמאכט אין די ערשטע צוויי רונדען.

אדאַמיעץ (ס) — כ'וֹאַט ווייזען אונז א שעהנעם און א גלייכען קאַמף, אָבער טראָץ דעם, ערקלערט דער ריכטער כּוואַט'ן אלס זיעגער. א רעמיזאַלט געווען יושר'דיגער.

סוס (ס) — שטשערבאלא. סוס יאָגט ארום זיין געגנער איבער'ן רינג אין אלע דריי רונדען און פונקטירט איהם זעהר טרעפליך מיט דער לינקער האַנד, אַזוי, אַז שטשערבאלא געהט עטליכע מאָל אויף די ברעטער. אין דער דריטער רונדע צעהלט מען ביז 6 אָבער דער גאָנג ראַטעוועט איהם פון אַ נאָק-אַוט. סוס זיעגט הויך אויף פונקטען.

האַנסלאָ (ס) — בערקענשטאט קעמפען כאַאָטיש און האַנסלאָ ווערט דיסקוואַליפיצירט אין דער דריטער רונדע. בערקענשטאט פערמאגט א סך וואָלאָרען אויף א גוטען באָקסער. איהם פעהלט נאר גוטע קאָנדיציע און ווירקזאַמע קלעפּ. זיינע לאַנגע הענד האט ער מעהר געדאַרפט אויסנוצען און האַלטען זיין געגנער פונדערווייטענס.

קלאָפּאָט (ס) — גראָנעק. נאך א שעהנעם קאַמף זיעגט גראָנעק אויף פונקטען.

פּאָטראָק (ס) — שלימער. פּאָטראָק איז אָהן צווייפעל דער בעסטער באָקסער פון די געסט. שלימער אינקאסירט במשך פון צוויי רונדען כמעט אלע קלעפּ און פערגעסט זיך איינגאנצען צו פערשטעלען, אַזוי אז פון דער דריטער רונדע רעזיגנירט ער שוין אינגאנצען. פּאָטראָק זיעגט דורך א טעכנישען „נאָק-אַוט".

רינג-ריכטער (אָהן שטים רעכט) — ה' ווייס — גוט.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

KINO „EDEN".
Aleja 27

די ליעבע פון א פירשט און א טענצערין — די טעמא פון פילם

KSIĄŻĘ X

אין דער הויפט ראָל:
די אייז קעניגין **סאָניא העניע**

שבת און זונטאג מיטאָג

Linia Maginota

Kino „LUNA"

מאָנומענטאָלער פוילישער פילם!

KOBIETY nad przepaścią

סענסאַציאָנעלע זיטען - דראַמע
לויט מאַרטשינסקי'ס ערצעהלונג
אין די הויפט-ראָלען:
סטעמפּאָווסקי, באָגדאַ, נאָרא נעי, אנדזשעיעווסקאָ א. א.

Kino-Teatr „STYLOWY"

קלארק גאַבעל
און זשאַן האַרלאָו
אינ'ם פילם

SARATOGA

Red. B. Bocian   Wyd. B. Bocian i S-ka   Druk. B. Bocian, Aleja 6